**בס"ד** / שנה ו' / פרשת וישב / נומער 291

# קרית ברסלב בלעטל


**וויאזוי גייט נאר די ניגון?**
אברהם משה שטראססער

**וואס איז כ"א כסלו?**
משה ארי' שניצלער

**מיין קינד מאכט מאדנע פאקסן**
ראש ישיבה שליט"א




# מחי' נפשות

ער היילט די וואונדן פונעם חולה מיט נגינה / **ווען די שפיטאל וועט זאלן קענען רעדן** / די שטארקע כח פון א ניגון / הערט פון **מו"ה אייזיק ראטה הי"ו** איבער זיין לאנגע קאַריערע פון מחי' זיין חולי ישראל מיט זיין פידעלע. **מחי' נפשות**



# כ"א כסליו

לעבנסגעשיכטע פון **הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע**

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת וישב תשפ"ו • 291

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן

**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל

**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל וועבערמאן
יואל שניצלער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com


דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.





ר' אייזיק איז מחי' נפשות 16



כ"א כסלו 34



אכט לעכטעלעך 62

6 היכל הקודש נייעס
12 א מעשה פון תפילה
47 ברסלב'ע שטוב
55 קינדער בלעטל



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
וישב כ"ג כסלו

הדלקת הנרות . 04:10
מוצאי שבת ..... 05:40

**מנחה מעריב**
**פרשת מקץ 5:25**








פנים חדשות באו לכאן

*sruliHeskel

בס"ד

רענט קאמפיין

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **אהרן שלמה שווארטץ** הי"ו

מו"ה **אברהם אליהו פרידריך** הי"ו

מו"ה **יעקב שלום ראטענבערג** הי"ו

פאר'ן מנדב זיין

# פרנס החודש כסלו

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'ן'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

*sruliHeskel

# א ווארט צווייי

זאצן וואס פארדינען שטערכלער

בערל שניצלער

## א ריכטיגע ברסלב׳ע שטעטל

"אן אבזערוואציע... איין טאג אינדערפרי אין כולל בוקר האב איך אויפגעפאסט אז די שעלף פון די תהילים'ס איז געווען ליידיג, א ריכטיגע ברסלב'ע שטעטל, מ'שטייט אויף צופרי זאגן תהילים בתמימות ובפשיטות אזוי ווי דער רבי האט געוואלט...

אויך האב איך געזען א חתן אין די שבע ברכות דאווענט ותיקין... אוי ווי שיין, אוי ווי זיס... אז די שמחת החתונה הייבט זיך אזוי ווי דער אייבערשטער וויל, אויף די ריכטיגע געזונטע וועג פון די תורה, קען די גאנצע לעבן פארן אויף די אמת'ע תורה'דיגע וועג, ווי אזוי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז..."

**– ר' יואל שניצלער**

## אוועקגעשטעלט מיטן דרך הלימוד

"אין כולל בוקר האב איך נאכאמאל אויפגעפאסט ווי גליקליך מיר זענען מיטן סדר דרך הלימוד. מען זעט קינדער און בחורים זיצן און לערנען זייערע שיעורים כסדרן, קודם א משניות וואו ער האלט, דערנאך נעמט ער די גמרא, און ער לערנט איין שיעור נאכן צווייטן אין א סדר. איך האב מיך געגעבן א כאפ וואס די דרך הלימוד מאכט מיט א מענטש, עס שטעלט אים פשוט אוועק זיין זעלבסט זיכערקייט, דער בחור איז נישט אנגעהאנגען אין קיינעם מער, נישט אינעם חברותא אויף וואס ער דארף ווארטן, נישט אין קיין אייגעשטעלטע וואס דארף אים יעצט זאגן וואס צו טון, אין די אינגע יארן ווייסט ער שוין פונקטליך וואס ער האט צוטון אין לעבן...."

**– ר' אברהם הערש וועבערמאן**

## נישט רעדן ביים דאווענען

"זומער האב איך געארבעט אין די סאטמאר פלייש געשעפט אין וואודבורן, די לעצטע וואך פון די זומער קומט אריין א איד אין געשעפט, איך האב נישט קיין אנונג ווער ער איז, און פרעגט מיר: "וויפיל מענטשן דאווענען אין דיין מנין שחרית?" "בערך פינף און צוואנציג" זאג איך אים, ער נעמט ארויס הונדערט אכציג דאלער פון טאש און זאגט מיר: "גיי אריין אין דעם געשעפט און קויף דיר הערינג מיט קיכלעך, און ברענג עס אין בית המדרש, זאג זיי אלע אז די וואך שבת איז די יארצייט פונעם הייליגן תוספות יום טוב, און זיי זאלן זיך מקבל זיין אז מען גייט מער נישט רעדן ביים דאווענען..." איך האב געקויפט די הערינג און קיכל און אראפגעלייגט אין בית המדרש אבער קיינער נישט געזאגט קיין ווארט, פשוט ווייל אויב איינער האט גערעדט ביים דאווענען איז עס געווען מיך...

פון דעמאלטס אן האב איך צוגעמאכט דעם זיפער, געענצליך אויפגעהערט רעדן ביים דאווענען, אין אנהייב איז עס מיר געווען זייער שווער, אבער מיט די צייט ווערט עס א געוואוינהייט, און מען הייבט אן וויסן וואס מיינט דאווענען, וואס מיינט קומען אין בית המדרש, עס וועקט אויף פון זייער א טיפע שלאף.

און די השפעות קומען שוין נאך, איך בין געווען אין גרויסע חובות ביים קויפן מיין הויז, און געציילטע חדשים נאך די קבלה איז על דרך לא דרך - אלעס געווען אויסגעצאלט..."

**– ר' מיכל ראזענפעלד אויף קרעמער**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

### איך בין דיין עכטע חבר

"איך בין דיין עכטע חבר, איך זאג דיר דעם אמת אין פנים אריין אז געלט טאר מען נישט צורייסן, מאך נישט קיין טייערע וואכנאכט. אנדערע זענען נישט דיינע עכטע חברים, פאר דיר זאגן זיי אז ס'איז מורא'דיג, אבער אינטערן רוקן בארעדן זיי דיר און לאכן פון דיר..."

**– שיעור אין ישיבה פאראגאנגענע וואך**

# היכל הקודש נייעס




## קרית ברסלב

מיט גרויס פרייד נעמען אנשי שלומינו אויף די פרייליכע בשורה אז די געטרייע עסקנים פונעם בית התבשיל ובראשם דער ראש ישיבה שליט"א איז אריינגעשפרינגן אין א גרויסן פראיעקט אויפצופיקסן און איבערבויען דעם בנין פונעם בית התבשיל כדאי צו קענען נוצן דעם בנין א גאנץ יאר.

אט שטעלן מיר פאר עטליכע שאלות וואס מיר האבן געפרעגט פון די עסקני בית התבשיל לרגל דעם גרויסן קאמפיין.

***דער בית התבשיל בנין געהערט שוין פארן בית התבשיל עטליכע יאר, וואס האט יעצט פאסירט אז מען מאכט א קרן הבנין קאמפיין?***

תשובה: ריכטיג, דער בנין פונעם בית התבשיל האט דער ראש ישיבה שליט"א אוועקגעגעבן פארן בית התבשיל אז מיר זאלן דאס נוצן צו קענען טון חסד פאר די שטעטל.

דעם עצם בנין אליין אנטהאלט אין זיך ממש גארנישט, חוץ פון די ביעמ"ס מיטן דאך איז קיין שום חלק פונעם בנין אויסגעשטעלט צו נוצן.

צום ביישפיל, די ווענט וואס דער בנין האט יעצט. באשטייט סך הכל פון א דינע בלעך. אין די ווינטער מאכט עס אז אינעם בנין זאל זיין קעלטער ווי אינדרויסן אויפן גאס, און זוממער ווערט אינעם בנין הייסער ווי אויפן גאס. אויב ווילן מיר לאזן לויפן א געהעריגע אפעראציע וואס זאל לויפן יעדן טאג פון יאר, וועט מען דארפן טוישן די ווענט און לייגן געהעריגע האלצערנע ווענט וואס מען וועט קענען אינסולעיטן.

די צווייטע זאך וואס דער בנין פארמאגט איז אביסעלע פלאמבינג, אבער אזוי ווי עס איז נישט באנוצט געווארן די לעצטערע יארן דארף מען אריינלייגן אסאך ארבעט און געלט אז מען זאל דאס קענען צוריק אנהייבן נוצן. ווי אויך וועלן מיר דארפן לייגן פרישע פייפס צו קענען אקאמאנדירן א טעגליכע אפעראציע.

צו ענטפערן דיין פראגע אין קורצן, מיר האבן פיר ווענט מיט א דאך, אבער נישט דאס איז וואס מיר דארפן צו קענען אנגיין מיט אונזער אפעראציע.

אינעם יעצטיגן בנין, אזוי ווי עס איז נישט געהעריג אויסגעשטאט צו זיין א סטארידזש, קענען מיר נישט האלטן אינעם אונטערשטן שטאק קיין פראדוקטן, נאר זאכן וואס קענען זיך האלטן אין אנדערע טעמפעראטורן. אבער צו קענען ריכטיג אפערירן דארפן מיר באמת פארמאכן דעם בנין און עס אינסולעיטן.

איי ווי אזוי זענען מיר אנגעגאנגען מיטן בית התבשיל ביז יעצט? דער ענטפער איז אז דער בית התשיל האט אן אומאפשטעלבארע ציל צו געבן עסן פאר אידישע קינדער, קיין שום זאך וועט אונז נישט אפשטעלן!

***אויב איך קענט זאגן אביסל מער דעטאלירטע פלענער?***

לאמיר דא אויסרעכענען עטליכע זאכן וואס דער בנין הבית התבשיל מוז זאפארט האבן, אז אידן אין שטעטל זאלן מיטן אייבערשטן'ס הילף האבן צו עסן בהרחבה.

אראפנעמען אלע איצטיגע ווענט און לייגן האלצערנע פרעימס און פלייוואודס, ביידע שטאקן.

אינגאנצן אינסולעיטן דעם בנין, ביידע שטאקן.

ארייגלייגן מאכטפולע סטיעם און עיר קאנדישיאן סיסטעמס, סיי אונטן פאר די סטארידזש און סיי אויבן פאר די קאך.

פארשטארקערן די ביעמס פון די ערשטע שטאק אז עס זאל קענען האלטן די וואג פונעם נייע קאך.

והעיקר: בויען א גרויסע קאמערציאלע קאך אויפן צווייטן שטאק, גרייט צו קענען אפקאכן הונדערטער פארציעס אויפאמאל.

אפגרעידן די עלעקטריק צו קענען געבן power פאר די קאך און פאר א גרויסע קאמערציאלע פריזער.

מאכן אינדרויסן פונעם בנין א גרויסע פארקינג לאט אז אנשי שלומינו זאלן קענען קומען נעמען עסן מיט הרחבה.

א גרויסע לאודינג דאק פאר די ערשטע שטאק, אז טראקס און טרעילערס זאלן קענען אריינלאודן גראד אריין אינעם סטארידזש.

דאס זענען זאכן וואס דער בנין דארף האבן שוין יעצט. חוץ פון די פילע אנדערע זאכן וואס מען קען צולייגן אז דער בנין זאל זיין נאך בעסער געאייגענט פאר אונזערע אפעראציעס, ווי למשל א באזונדערע גאראזש פאר סטארידזש.

דאס איז שוין נאכדעם וואס דער בית התבשיל האט שוין אריינגעלייגט איבער $100,000 צו לייגן א צעמענטענע פלאר אין די סטארידזש, אריינלייגן נייע טירן, און מאכן א שטיקל פארקינג לאט אין פארנט פונען בנין. און דאס איז חוץ פון די היי לאו טרעקל וואס דער בית התבשיל האט געקויפט פארן בנין.

***איך מאך א שנעלע חשבון וויפיל עס דארף קאסטן די אלע זאכן וואס דו האסט אויסגערעכנט דא און איך קום אן צו גרויסע נומערן. וואס איז ענקער פלאן?***

דער ראש ישיבה שליט"א וויל אז דאס זאל געשען, און דאס איז וואס גייט געשען! נישטא קיין שום ספק דערין!

מיר ווייסן אז אנשי שלומינו זענען זייער ווארעם פארן בית התבשיל, יעדער פון די קהילה איז נהנה פון אונז, יעדער אויף זיין וועג. מיר זענען זיכער אז יעצט ווען מיר האלטן בעפאר אזא וויכטיגע קרן הבנין קאמפיין וועלן אונז אלע אנטקעגן קומען מיטן זיך אונטערנעמען גרויסע זכותים פארן בנין.

**בשם די גאנצע קהילה באדאנקן מיר זיך פארן בית התבשיל מיט די ווערטער וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן פארן בית התבשיל "דו ראטעוועסט אונזער גאנצע שטעטל פון שלעכטס מיט די חסד וואס דו טוסט".**







# אירנו

## באזאר אפדעיטס

עס אונז א שמחה צו מעלדן אז דער באזאר האלט אין איין באקומען פרישע שיפמענטס פון נייע קליידער, אנדערש ווי אמאל ווען די זאכן פון באזאר איז געווען על פי רוב גענוצטע זאכן וואס פריוואטע מענטשן האבן געהאט אוועק צוגעבן, באקומען מיר היינט גאנצע פאלעטס פון געשעפטן וואס פארמאכן זיך אדער פון קאמפעניס און געשעפטן וואס זענען איבער געבליבן, דאס זענען פרישע נייע זאכן וואס עס ליגט נאך אפילו די 'טעג' אויף דעם.

די וואך איז אריינגעקומען א גאנצע שיפמענט פון א שיך געשעפט און אויך פון א דריי גודס געשעפט וואס האבן געשיקט נייע קליידער וואס זענען קיינמאל נישט גענוצט געווארן.

אזוי ווי מיר באקומען היינט גאנצע שיפמענטס פון קליידער אויפאמאל, זוכט די הנהלה א פלאץ פאר סטארידזש. ווי אויך איז די צימער אינעם באזאר וואס די וואלונטירן נוצן יעצט צו סארטירן די קליידער ווייט נישט גענוג ווען די צאל פון סחורה וואס קומט היינט אריין איז געוואקסן מיט גרויסע נומערן און זיי דארפן א גרעסערע פלאץ.

דער חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו האט אוועק געגעבן אויף צייטווייליג א חלק פון זיין סטארידזש, אבער מיר זוכן א פלאץ פאר פערמענאנט.

אויב ווייסט איר פון א פלאץ וואס קען זיין אינטערעסאנט ביטע פארבינדט אייך מיט מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו.

## טוישן פילטער

מיר שפירן וויכטיג צו דערמאנען אלע טייערע חברים צו געדענקן צו טוישן די פילטער פונעם עיר קאנדישיאן און סטיעם יעדע שטיק צייט.

אויב מען גיבט נישט אכטונג אויף דעם קען זיך די גאנצע סיסטעם צוברעכן און עס איז א גרויסע שאד אויף אידיש געלט.

די פילטערס זענען דא צו באקומען פאר א א דאלער אדער צוויי אין אלע גרויסע געשעפטן ווי למשל אין ace, walmart, home depot.

## עירוב אפדעיטס

דער ועד העירוב ארבעט אין די טעג פיבערהאפטיג צו פארגרעסערן דעם עירוב אריינצונעמען נאך א געגנט אין שטעטל ווי עס האבן זיך אריינגעצויגן עטליכע פרישע משפחות כדאי זיי זאלן קענען טראגן אום שבת קודש.

דער ועד העירוב האט אויך באשטימט אז איינמאל א חודש זונטאג צופרי וועלן די עסקנים פונעם עירוב זיצן אין האשקי שול צוזאמנעמען די נדבות פון אנשי שלומינו וואס ווילןביישטייערן פארן עירוב.

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

טויזנט ווערטער




די צייטווייליגע סטארידזש פארן באזאר

## פראפעין פרייזן

תיקון טעות פון לעצטע וואך, סובערבן פראפעקין נעמט יא היעפ. סיי געהעריגע און סיי עמערדזשענסי.

זייער פרייז פון $1.39 פאר א גאלאן איז נאר אויב די היטינג אדער הייס וואסער זענען אויף פראפעין, אויב נאר קאכן און דרייען זענען אויף פראפעין דאן זענען די פרייזן העכער.

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

# מו"ה שלום אליי' פעלבערבוים הי"ו

וזוגתו חוה תחי'

וואס האבן זיך ארייגעצויגן אין שטעטל

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב טוב, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם, און זיי זאלן קענען אויפציען דא די קינדער אויף די וועגן פונעם הייליגן רבי'ן.

# ווי אזוי גייט נאר די ניגון?

ווי אזוי גייט נאר די ניגון? ווי אזוי גייט נאר די ניגון? ניין נישט דעי' ניגון... נישט דעי' ניגון. די בעקיטשע ניגון? ניין... ס'קריכט שוין אויף די געהירן... טשעק אריין טשעק ארויס... אויך נישט... אקעי' ס'גוט, איך רעד פון גאר א אנדערע ניגון.

איז לאמיך דיר פרעגן: "ווי אלט איז ראובן געווען ווען ער איז געבוירן?"

"איך פארשטיי נישט וואס דו ווילסט, ווען ער איז געבוירן איז ער געבוירן, ער איז נישט אלט געווען בכלל".

"אההה ביסטאך גערעכט, סא מ'וועט מוזן אנהייבן פון די אנדערע זייט".

פארוואס האט ער בכלל געהייסן ראובן, רש"י זאגט "ראו בין" א קאמבינאציע פון צוויי ווערטער, "ראו בין = קוק די חילוק" קוק די חילוק פון אונזערע קינדער און די קינדער פון עשיו, עשיו האט מיטן גוטן ווילן איבערגעגעבן די בכורה, פארקויפט ממש פאר לחם ונזיד עדשים דאס בכורה פאר יעקב'ן, און מיט דעם אלעם איז ער מלא כעס, ער וויל אים הרג'ענען.

און ראובן, ראובן האט מען גענומען פון אים די בכורה, ער איז דאך דער בכור, און מ'האט עס געגעבן פאר יוסף, און נישט נאר וואס ער האט אים נישט פיינט געהאט, נאר פונקט פארקערט ער האט אים נאך געוואלט ארויסשלעפן פון גרוב ווען מען האט אים פארקויפט און אהיימברענגען צום טאטן.

שטימט? און וואס איז מיט די יארן? די יארן שטימען נישט? איך ווייס, דאס איז דאך געווען מיין קשיא אינאנהייב, ווי אלט איז ראובן געווען ווען ער איז געבוירן געווארן, ער איז דאך דער ערשט יעצט געבוירן, און ער האט נאך נישט געוויסט ווי אזוי ער הייסט, ווייל ער האט נאכנישט געהאט קיין נאמען. און דאס איז טאקע מיין קשיא, ווי אזוי געבסטו אים א נאמען אז ער האט ארויסגענומען יוסף פון גרוב, א מעשה וואס איז געשען טעליכע און צוואנציג דרייסיג יאר שפעטער?

איז בקיצור הדברים, מען האט אים געגעבן א נאמען ביים געבוירן אויף א דבר שלא בא לעולם, א זאך וואס ער האט נאך בכלל נישט געטון, פארשטאנען? דאס איז די קשיא.

האב איך געהערט פון דיין שליט"א א מורא'דיג ווארט, לאה די מאמע פון ראובן האט כסדר חזר'ט פון ווען די קינדער זענען געווען אין וויגל: "נאאא, עס פאסט נישט פאר אונזער משפחה, קוק די חילוק פון אונז און עשיו, זאגן ניין פאר א מאמע דאס איז פאר עשיו, אבער מיר זענען דאך יעקב'ס קינדער, און יעקב'ס קינדער פירן זיך מער פון דעם". און אזוי איז געווען ביי יעדע זאך, יא יא דאס זיך בויען אויף יענעם האט זיך שוין אנגעהויבן אין יענע צייטן, צו עס איז געווען א קלייד וואס דאס קינד האט געוואלט האבן ווייל יעדער (איינער אין קלאס האט געבראכט אזוי צו גיין) גייט אזוי, דא האט די מאמע שיינערהייט געזאגט: "מיר זענען דאך יעקב'ס קינדער, דאס איז פונקט גוט פאר עשיו'ס קינדער, אונזערע קינדער זענען הייליגע קינדער, ברוך השם מיר גייען נישט אזוי".

און אזוי ביי יעדע פרט און פרט פון לעבן האט זי אריינגעבאקן אין די קינדער מיט שטאלץ "מיר זענען קינדער פון יעקב, מיר ווילן נישט זיין ווי די קינדער פון עשיו".

איז זייער גוט - דערמאנסטיך שוין די ניגון? יא יא נישט די ניגון, איך רעד פון די ניגון וואס מען זינגט אינדערהיים, ווי אזוי מען זינגט די ניגון, מען קען זינגען די ניגון "מיר טארן גארנישט, מיר מוזן זיין אזוי פאנאטיש, מיר זענען אזוי צוריקגעבליבן, יעדער קען האבן פאן, יעדער קען האבן א טעלעפאון, יעדער

## הרב אברהם משה שטראססער

גייט אזוי, יעדער איז..." און די מאמע קען מיטוויינען מיט די קינדער אז ווען משיח וועט קומען וועט מען קענען עסן חזיר... ווען משיח וועט קומען וועלן מיר זיך נישט דארפן שערן, אה מיר זענען אין גלות ביי די צדיקים, מיר זענען געפאנישט, מיר מוזן נעבער מאכן ביליגע חתונות, מיר מוזן נעבער נעבער קויפן ביליגע דזשולערי אין באזאר, די צדיקים האלטן אונז האסטידזש נעבער.

לאה לערנט אונז, ניין, מיר שמייסן אריין אין די קינדער די פארקערטע: "נעבער, דו זעסט נעבער די שכן... יא יא אזא פנים טראגט מען אז מען טראגט אזא פנים, נעבער ווייל עס איז נישט דא קיין צדיק אין זייער לעבן, ווייל דער טאטע איז נעבער א לץ (צובראכענער), נעבער, זיי האבן נישט קיין שיינע שבת סעודות, נעבער ער מוז שפילן עושר, נעבער זיי גייען מיט אזעלכע צודרייטע קליידער, נעבער זיי מוזן קויפן עכטע דזשולערי צו געפעלן פאר איינער וואס לאכט אונטער דיין רוקן". די רשימה איז ענדלאז, אבער די ניגון איז די ניגון, ווי אזוי דו זינגסט די ניגון אזוי וועסטו בויען דיין שטוב.

וועסטו זינגען די ניגון "די קינדער דא זענען אזוי וואויל, די קינדער פאלגן אזוי שיין, מיר האבן אזא גוטע שטוב, יעדער איז אזוי וואויל". איז יעצט ווען מען וועט אים ב'עוול'ן מען וועט אים צונעמען די בכורה, וועט ער מיט שטאלץ גייז ראטעווען יוסף, ווייל עס קנאקט אים אין קאפ, א פייט איבער א בכורה? דאס פאסט פאר עשיו, נא נא נא נא נא נישט יעקב'ס קינד, מען האט אריינגעבאקן די חינוך, יא פון די זאך וואס דו ציטערסט, זיך עקטשולי בויען אויף יענעם, דאס האט געמאכט די קינדער זיין צופרידן,

**נעבער זיי האבן נישט קיין שיינע שבת סעודות, נעבער ער מוז שפילן עושר, נעבער זיי גייען מיט אזעלכע צודרייטע קליידער, נעבער זיי מוזן קויפן עכטע דזשולערי צו געפעלן פאר איינער וואס לאכט אונטער דיין רוקן.**

און ווען מען פרעגט זיי (ברוך השם מען פרעגט זיי נישט...) וועלכע קלייד זיי ווילן, וועלכע דזשולערי זיי ווילן, וואסערע זאאאאל (ווער געדענקט נאך ווען פרו ורבו האט געהאט מיט א זאל צו טאן...) זיי ווילן חתונה מאכן, קוקן זיי מיט פאראכטונג, קוקן זיי מיט רחמנות אויף דעם, נעבער נעבער נעבער, יא יא נאכאמאל, נעבער נעבער נעבער, זיי לעבן נישט מיט א צדיק און זיי מוזן נעבער, אבער מיר ברוך השם לעבן מיט א צדיק און מיר האבן אזא הערליכע שטוב,

די קינדער וואקסן אויף מיט חוצפה, מיט עזות דקדושה, מיט שטאלץ, און דו קענסט קראכן פון די - ווי אזוי דו רופסט עס - די איבריגע מאס סעלף קאנפידענץ וואס די היכל הקודש קינדער האבן,

דאס איז די ניגון.

אזוי ווי דער ראש ישיבה טייטש די פסוק אין משלי מצרף לכסף וכור לזהב ואיש לפי מהללו, ביי גאלד און זילבער אז דו ווילסט עס מצרף זיין עס אויסלייטערן קענסט האקן און בראקן, און די גאלד וועט אויסקומען שיין,

אבער וואיש לפי מהללו, אויב ווען די ארבעטסט מיט א מענטש, דו ווילסט אים אויסמענטשלן, ווילסט ער זאל שיין אויסוואקסן, אלעס ווענדט זיך לפי מהללו, ווי אזוי דו זינגסט דעם ניגון אויף אים, ווי אזוי באזינגסט אים גולם/שוטה/שלעכט קינד/גראבער/נישט געזונטער/ וועסט נישט קענען חתונה האבן/ צוויי לינקע הענט/ שטיי נישט/גיי נישט/ בעיבי/ שוין ווייטער/ שטיי נישט דא/ פארוואס קענסטו נישט זיין ווי.../ וועט ער אויסוואקסן א גולם שוטה וכו'.

אז דו וועסט זינגען "אזא וואויל קינד" אזעלכע גוטע מידות" קוק ווי שיין ער פאלגט, אזעלכע טאלאנטן, אזא פריילך קינד, און אין שטוב וועט זיין די ניגון טאטע קוק ווי יעדער העלפט, יעדער פאלגט, קוק ווי שיין ער דאווענט, אזוי שיין צניעות'דיג, אזעלכע הייליגע קינדער", וועלן זיי אויסוואקסן ווי דאס וואס דו האסט געזאגט אז זיי זענען.

יא יא דערמאנסטיך שוין דער ניגון... אבער איך בעט דיר: געדענק עס! און פארגעס עס נישט! ווייל אלעס ווענדט זיך ווי אזוי מען זינגט דעם ניגון.

# מעשיות פון תפילה



## יוסי יאקאבאוויטש

איך האב געדארפט אריין געבן פאפירן ביי די שטאטישע אפיס, און איך האב עס ברוך השם זייער שנעל אריינגעגעבן.

אבער די שטאטישע אפיס איז געווען זייער פארשלעפט און איך האב נישט געזען א אפדעיט נאך מער ווי א חודש.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל "באשעפער העלף מיך איך דארף סיי ווי צוקומען צו דיר און אן דיר קען מיר קיינער נישט העלפן, פליז העלף מיך אלעס זאל ווערן מסודר און איך זאל באקומען שנעל א פאזיטיווע ענטפער".

אויך האב איך געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע גוטע חסדים וואס ער טוט מיט מיר...

און שכח אייבערשטער איך האב באקומען די גוטע בשורה אז אלעס איז שוין מסודר און איך בין געווארן אפראווד.

## יצחק אייזיק ראזענבערג

מיין ברודער האט מיר אנגערופן אז ער איז דא געווען אין קרית יואל און ער האט עפעס געגעסן, און דערנאך געווארפן די בעג אין מיסט קאסטן ביי א דערנעבענדיגער גראסערי. די פראבלעם איז אבער אז אין די בעג איז אויך געליגן א insole פון א שיך וואס איז אים זייער וויכטיג, אויב איך קען אהינגיין און פרובירן זוכן דעם פארלוירענעם בעג מיטן insole דערינען.

נו גיי זוך א בעג אין אזא פארנומענעם פלאץ וואו עס גייען אדורך אזויפיל מענטשן א טאג, אבער וואס טוט מען נישט פאר א ברודער, האב איך אים געזאגט: "מיין טייערע ברודער איך וועל אהינגיין עס זוכן, און לאמיר בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל טרעפן דעם בעג מיטן insole".

וכך הוה, מיר האבןביידע געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל עס טרעפן. אנקומענדיג אהין צו יענעם גראסערי בין איך צוגעגאנגען צו דעם מיסט קאסטן וואס מיין ברודער האט מיר געזאגט אז מן הסתם דארט האט ער עס אריינגעווארפן פריער אינעם טאג, און איך קוק אזוי מיט א נענטערן בליק זע איך אז די בעג שטעקט זיך ארויס פונעם מיסט קאסטן, ממש גרייט פאר א מעשה פון תפילה.

שכח אייבערשטער פאר דיינע גרויסע חסדים.



# אַן עֵצָה פַּאר מָאדְנֶע פַּאקְסְן



עצתו אמונה וישב תשפ"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב-מְבָרְכִים טֵבֵת, כ"ה כִּסְלֵו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי פִּירְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, זֵיי זֶענֶען לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר.

אִיךְ וִויל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ גוּטֶע עֵצָה בְּנוֹגֵעַ דַיין טָאכְטֶער וָואס זִי גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער, אַז זִי מַאכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן, זִי בְּלִינְקְט אַסַאךְ מִיט דִי אוֹיגְן. אֵיין טָאג הָאט זִי גֶעוֵויינְט צוּ אִיר טִיטְשֶׁער אַז אִיר זֵיידֶע זָאגְט זִי הָאט אַ קְרַאנְקְהֵייט אִין אִיר אוֹיג וַוייל זִי בְּלִינְקְט אַסַאךְ, אִיר טִיטְשֶׁער הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז וואוֹיל אוּן גֶעזוּנְט, זִי הָאט אִיר פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן אָבֶּער זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט, זִי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט: "אִיךְ הָאבּ אַ מַחֲלָה", וְכוּ', וְכוּ'; אוּנְזֶערֶע טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט חוֹזֶק צוּ מַאכְן אָדֶער אַרָאפְּקְלַאפְּן, זִי זָאגְט פַאר דַיין טָאכְטֶער: "אִיךְ זֶע נִישְׁט וִוי דוּ בְּלִינְקְסְט", אוּן זִי לֵייגְט צוּ: "קוּק, אִיךְ בְּלִינְק אוֹיךְ", אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דַיין טָאכְטֶער הָאט גֶעזָאגְט מִיט גֶעוֵויין: "אִיךְ צִיטֶער", וְכוּ', וְכוּ'. וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, אִיר אַלְס עֶלְטֶערְן פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן דָאס בֶּעסְטֶע, אִיר ווילְט נִישְׁט זִי זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי פַאקְס וְכוּ', אִיר טְרַאכְט אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אִיר דֶערְשְׁרֶעקְן אָדֶער דָאס גְלַייכְן וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן; וָואס יָא? אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה פַאר אַייךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אוּן פִינְגֶערְס, יֶעדֶעס מָאל עֶר פְלֶעגְט הֶערְן אֵיינֶעם רֶעדְן פְלֶעגְט עֶר אָנְהֵייבְּן פַארְמַאכְן אוּן אוֹיפְמַאכְן דִי לִיפְּן, אוּן אָנְהֵייבְּן טַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אִין דִי לוּפְט; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט כַאפְּן וָואס אִיז גֶעוֶוען, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג.

אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין זוּן?" אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעמַאכְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ וִוי אַזוֹי מַיין זוּן הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִי לִיפְּן אוּן מִיט דִי פִינְגֶערְס, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֹב חָכְמָתוֹ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק, זָאג נִישְׁט גָארְנִישְׁט - וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין"**, וְכַךְ הֲוָה.

בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דַיין טָאכְטֶערְס פָּנִים דִי פַאקְסְן זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן, וֶועט עֶס אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, עֶס שְׁטֶערְט פַאר טַאטֶע מַאמֶע צוּ זֶען אוֹיפְ'ן קִינְד אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, פַארְבַּייס דִי לִיפְּן, בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מַיין טָאכְטֶער זָאל נִישְׁט מַאכְן דִי פַאקְס, זִי זָאל נִישְׁט בְּלִינְקֶען אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט", וֶועסְטוּ זֶען וִוי עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט מִיט דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהַאט צוּטוּן מִיט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, פְּחָדִים מִיט נֶערְוֶון וְכוּ', וְכוּ', זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְלוֹירְן, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק, נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיטְ'ן פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶס אִיגְנָארִירְן; זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דָאס אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ מַתָּנָה, אַ מוֹסָד פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס גֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן קִינְד; דָאס אִיז בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶערְ'ס גֶעפִילְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין קַאנְפִידֶענְט, זִיכֶער מִיט זִיךְ, מֶען זָאל נִישְׁט לַאכְן פוּן זֵיי, מֶען זָאל נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן אַז עֶפֶּעס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ וָואלְט דִיר דָאס גֶעקֶענְט זָאגְן פֶּערְזֶענְלִיךְ, דָאךְ הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעשְׁרִיבְּן וַוייל נָאךְ אַסַאךְ עֶלְטֶערְן וֶועלְן קֶענֶען נוּצְן דֶעם בְּרִיוו אוּן נִישְׁט שֶׁעדִיגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וַוייל דֶערְשְׁרֶעקְן הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**



# פשרה'לאז

ער איז געווען א קינד פון אכט יאר אלט ווען ער האט געמאכט "די רייזע פון זיין לעבן". דורך זיינע קינדערישע ברילן איז נישט געווען עפעס מער אינטערעסאנט און מעכטיג ווי די גרויסע ריזיגע שיף וואס איז ארויסגעפארן פון אייראפע און איז זיך רואיג געשווימען איבער די אטלאנטיק. ער האט נישט געוואוסט וואס "אמעריקע" איז, און וואס דאס וועט מיינען פאר אים. ער האט געמיינט אז ער אנטלויפט פון מיליטער. ער האט אבער אין יענע מינוטן נישט געוואוסט אז ער ווערט אייגנטליך ארייגעשלעפט אינעם מיליטער. ער ווערט אן עבד נאמן פאר'ן באשעפער, א סאלדאט וואס דינט געטריי דעם אייביגן מלך.

אסאך וואסער איז געפלאסן אינעם אטלאנטיק און אסאך וואסער איז געפלאסן אין און ארום די געשיכטע פון ר' יעקב יוסף הערמאן ז"ל, אן אומבויגזאמע סאלדאט, א העלדישע גענעראל וואס האט געצינדן די ערשטע פונקען פון אידישקייט אין די קאלטע, אמעריקאנע באדן.

זיין געשיכטע איז העלדיש, דראמאטיש און פול מיט מסירת נפש. אבער נאך מער פון דעם איז זיין ביאגראפיע אונז מחייב, צו טון לעובדא ולמעשה, צו טון וואס איז ריכטיג און טון וואס דער אייבערשטער וויל, נישט קיין חילוק וואס יעדער ארום מיר טוט און זאגט.

ר' יעקב יוסף ז"ל האט געלעבט מיט תכלית, תמימות און אמונת צדיקים. דאס זענען דריי באשטאנדטיילן וואס א איד א ירא שמים דארף קונה זיין צו קענען לעבן א לעבן פון תורה און ערליכקייט.

מיר ברענגען אייך די אינטערעסאנטע און העכסט דראמאטישע געשיכטע פון דעם צדיק ר' יעקב יוסף הערמאן ז"ל. ר' יעקב יוסף האט קיינמאל נישט געוואלט אננעמען קיין רבנות שטעלע און איז פארבליבן א "פשוט'ער איד". ער האט אבער געהאט אסאך תלמידים וואס זענען געווען ערליכע אידן און פלעגן זאגן אז זייער אידישקייט איז צו פארדאנקען זייער "רבי" ר' יעקב יוסף הערמאן ז"ל.

מיר האפן און זענען מתפלל אז איר וועט הנאה האבן און ארויסגיין מיט חיזוק וויאזוי אנצוגיין אין די אייגענע עבודת ה'.

ליינט מיט הנאה.

...

סלוצק, ווייס רוסלאנד. דאס איז איז געווען די גאנצע גרויס פון די וועלט אין די יונגע מח פון יעקב יוסף. ער האט נישט געוואוסט אז עס עקזיסטירט נאך א חלק פון די וועלט, אדער אז מען קען אפילו פארן אויף א שיף אנצוקומען צו אנדערע מדינות.

ביז יאר תרמ"ח (1888 למס'). אין יענע יאר איז יעקב יוסף אינאיינעם מיט זיינע עלטערן יצחק און מינה רבקה, ווי אויך זיין קליין שוועסטער מאלי זיך ארויפגעזעצט אויף א שיף וואס וועט זיי פירן צו די גרויסע אמעריקע.

צוויי וואכן האט גענומען די אויסגעמאטערטע אבער אינטערעסאנטע רייזע (דורך זיין קוק ווינקל). ר' יצחק, וועלכע איז געווען א פארצייטישער, ערליכער און אומבויגזאמער איד איז אנגעקומען קיין אמעריקע און צום ערשט געזוכט א פאסטן "כלי קודש". ער האט זיך אנגעטראגן צו זיין א מלמד. זייער שנעל




האט ער אבער איינגעזען אז זיין איינציגסטע תלמיד וועט זיין יעקב יוסף, זיין זון. אידישקייט אין אמעריקע איז דאן געווען אין גאר א שווערע מצב און עס איז פשוט נישט געווען קיין "קונים". עס איז נישט געווען ווער עס איז געווען אינטערעסירט אין א מלמד פאר זייערע קינדער. די אידן דאן האבן נאר געזוכט מצליח צו זיין מיט געלט און ביזנעס און די איבעריגע איז געווען איבעריג.

(דאס איז געווען אין די תקופה פון רב הכולל, ווי אויספירליך באשריבן אין די סוכות בלעטל).

מענטשן האבן געהאלטן אין איין זאגן פאר ר' יצחק, "אין אמעריקע איז נישט מעגליך מיט שמירת שבת." ר' יצחק האט זיך געמוטשעט. ער האט נישט געוואלט אויפגעבן חלילה אויף די הייליגע שבת און ער האט זיך געטראפן וואך נאך וואך אן ארבעט, אן געלט, און דעריבער אן עסן צו געבן פאר זיין משפחה.

נאך פינף יאר פרובירן און זיך מוסר נפש זיין, האט ר' יצחק אנערקענט אז זיינע חברים זענען גערעכט. עס איז טאקע נישט מעגליך אן חילול שבת.

דעריבער האט ער געמאכט א באשלוס: ער פארט צוריק קיין סלוצק. ריכטיג, דארט האט ער זיך געמוטשעט מיט דחקות, אבער פרנסה אויף די חשבון פון תורה און אידישקייט איז נישט געקומען אין באטראכט.

דא האט זיך געשאפן א פראבלעם. צוריקצופארן קאסט דאך אויך אסאך געלט. דעריבער האט ר' יצחק אנגעהויבן ממש שפארן דאס ביסן פון מויל און נאך אפאר חדשים האט ער שוין געהאט געלט פאר צוויי בילעטן. דאס איז געווען פאר

**די אידן דאן האבן נאר געזוכט מצליח צו זיין מיט געלט און ביזנעס און די איבעריגע איז געווען איבעריג ליידער.**

אים און פאר זיין ווייב מינה רבקה. אויך זייער טאכטער מאלי וואס איז געווען אונטער 12 האט געקענט מיטפארן אומזיסט מיט די עלטערן.

אבער יעקב יוסף, וואס איז אינצווישן געווארן דרייצן יאר אלט האט שוין געדארפט האבן א געהעריגע טיקעט צו קענען פארן. ר' יצחק האט נישט געוואוסט וואס צו טון. ער האט ווייטער נישט געקענט ציען אזוי. באין ברירה, האט ער דא געלאזט יעקב יוסף, מיט די מחשבה אז יעקב יוסף וועט ארבעטן און מאכן גענוג געלט זיך צו קענען שאפן א בילעט אויף צוריק.

ר' יצחק האט מסדר געווען יעקב יוסף ביי א קרוב וואס האט מסכים געווען אים צו דינגען א בעט, פאר א דאלער א וואך.

יעקב יוסף האט אין יענע צייט געארבעט אלץ א שיק אינגל ביי א פעל סוחר און ער האט פארדינט $1.25 א וואך. עס איז אים איבערגעבליבן פינף און צוואנציג סענט צו קויפן עסן.

די קרובים זענען נישט געווען ספעציעל גוט צו אים, און גלייך נאכדעם וואס זיינע עלטערן זענען אהיימגעפארן, האט דער קרוב געמאלדן פאר יעקב יוסף אז די רענט האט זיך געהעכערט צו $1.25 א וואך. דאס מיינט אז ער בלייבט מיט גארנישט, נאכן באצאלן זיין בעט. עס איז געווען פרייטאג נאכמיטאג ווען דער קרוב האט אים דאס געמאלדן.

יעקב יוסף איז געווארן זייער אויפגעשטורעמט דערפון, און אן טראכטן איז ער אריין אין זיין צימער, צוזאמגעפאקט זיינע חפצים און ארויסשפאצירט פון זיין אכסני'.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



# מיקי' נפעיו

# אריינפיר

מיר אלע קענען היינט ר׳ אייזיק ראטה וואס גייט סינאנים מיט זיין גיטאר מיט וואס ער איז מהנה ביי אלע מעמדים אין די קהילה ווי אויך ביי פילע שיעורים און מוזיק ווידיאוס.

וואס נישט יעדער ווייסט איז, דאס אז ר׳ אייזיק האט שוין פארבריינגט שעות ארוכות אין זיין לעבן ווילנדיג אין שפיטעלער ביי די זייט פון חולי ישראל, צו משמח זיין די צובראכענע געמיטער און זיי אויפלעבן.

ס׳איז ברייט באקאנט פאר אנשי שלומינו דאס וואס מוהרא״ש און דער ראש ישיבה פארלאנגען פון אונז, צו גיין באזוכן ביי חולי ישראל אין די שפיטעלער, סיי צו מקיים זיין די געוואלדיגע מצוה פון ביקור חולים באזוכן און אויפלעבן די קראנקע, ווי אויך זיך צו דערמאנען די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז. אוודאי כאפט א מענטש א קראץ אמאל דא, און א קריץ אמאל דארט, אבער ווען מ׳גייט אין שפיטאל און מ׳זעט חולי ישראל ליידער, דאן דערמאנט מען זיך צו דאנקען דעם אייבערשטן אז מ׳איז געזונט.

היינט כאפן מיר א שמועס מיט ר׳ אייזיק ווי ער ווילקלט אויף וואו זיין גיטאר קאריערע האט זיך אנגעהויבן. ווי אזוי ס׳האבן זיך אנגעהויבן די ערשטע סידים פון דער ראש ישיבה. דאס שפילן מוזיק ביי די שיעורים, דאס מאכן מוזיק ווידיאוס. און אויך א רייכע שמועס איבער דאס גיין אין שפיטאל משמח זיין און אויפלעבן אידישע קינדער.

ישראל דוד העסנפעלד



# מחי' נפשות

אנגעהויבן האט זיך אלעס ווען איך בין אריין אין ישיבה שנת תשס"ט!

ווען איך בין אריין אין ישיבה, האט דער ראש ישיבה דעמאלט זייער געשטופט די בחורים מ'זאל זיך אויסלערנען שפילן מיט כלי זמר.

פאר מיר איז דאס געווען א ווילד פרעמדע השגה, ווייל די פלאץ פון וואו איך בין געקומען, איז מוזיק און כלי זמר געווען ממש אפגעפרעגט, ס'איז נישט געווען ערלויבט ברענגען דארט אין ישיבה סיי וועלכע סידי אדער כלי זמר. אבער דא ווען איך בין אריין אין ישיבה, האט דער ראש ישיבה גאר געשטופט די בחורים זיך צו לערנען שפילן אויף כלי זמר.

דעמאלט האב איך די ערשטע מאל געזען א ראש ישיבה זיצט און שפילט כלי זמר צוזאמען מיט די בחורים, די בחורים האבן געהאט אלע סארט אינסטרומענטן, דער ראש ישיבה האט געשפילט מיט זיין פייפערל, ס'האט געהאט אלע טעמים.

אזוי אויך ביי לאנטש האט זיך געטון א שפילעריי און פייפעריי פון אלע סארט כלי זמר, די בחורים האבן זיך מחיה געווען, ס'האט זייער פרייליך געמאכט די בחורים.

יענע תקופה האט זיך געדרייט אין ישיבה עטליכע סארט ביכער זיך צו לערנען שפילן אויף כלי זמר, אזוי אז ווער ס'האט געוואלט האט זיך געקענט לערנען שפילן אויף אן אינסטרומענט.

פון נאטור אויס האב איך זייער ליב געהאט מוזיק, איך פלעג ליב האבן אסאך אויסצוהערן גוטע מוזיק, אבער אליין שפילן אויף אן אינסטרומענט, דאס האב איך נישט געקענט.

מיין ברודער מו"ה סענדער ראטה הי"ו איז יא געווען זייער מוזיקאליש, ער האט געשפילט אויף עטליכע מיני כלי זמר, אבער איך האב קיינמאל נישט געקענט שפילן.

ס'איז אבער געווען אין ישיבה אזא רוח פון זיך לערנען שפילן אויף כלי זמר, דער ראש ישיבה האט עס געשטופט, און ס'איז אפילו געווען ביכער זיך צו קענען אליינס אויסלערנען פון א', אזוי איז שוין געווארן ממש ביטול הבחירה, איך האב גענומען דעם גיטאר אין די האנט אריין און זיך גענומען שוויצן.

איך האב געקליבן זיך אויסצולערנען גיטאר, ווייל ס'איז זייער א נוצבארע און גרינגע אינסטרומענט זיך צו לערנען.

## מיינע דורכפעלער פון אנהייב

למעשה אפן גערעדט האב איך זיך נישט געקענט דערלערנען דעם גיטאר, וויפיל איך האב פרובירט און געניסטערט און זיך נאכאמאל געזעצט שפילן, האב איך עס נישט געקענט אויפכאפן. אבער מיין רצון איז פארט געווען שטערקער ווי אלעם, איך האב נישט אויפגעגעבן, נאר פרובירט נאכאמאל און נאכאמאל און געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך דאס קענען דערלערנען.

אזוי האב איך צוביסלעך עס אנגעהויבן אויפכאפן. למעשה ווען איך האב געשפילט ברבים האט מען מיר געזאגט אז



מיטן גיטאר אין קעמפ



אין דער ראש ישיבה'ס סוכה



דער ראש ישיבהביים שפילן כלי זמר מיט די בחורים אין קעמפ

ס'וואלט לכאורה געווען בעסער אז איך זאל אראפלייגן דעם גיטאר.... פלעג איך דאן גיין אין די זייט, נעמען דעם ביכל נאכאמאל און אנהייבן פון פריש.

איינע פון די זאכן וואס האט מיך שטארק געשטופט זיך צו לערנען גוט שפילן איז געווען אז מ'האט דאן געהאלטן פארן זומער און איך האב זייער געוואלט קענען שפילן ביי די שיינע מלוה מלכה'ס מיטן ראש ישיבה, דאס האט מיט געגעבן א מורא'דיגע שטופ.

אין יאר תש"ע איז די ישיבה אריבער צו ביהמ"ד קלעסאן. דארט האט דער ראש ישיבה נישט געוואלט אויפנעמען קיין גוים צו רייניגן און מסדר זיין די ישיבה, נאר דער ראש ישיבה האט פארלאנגט פון די בחורים אז יעדער זאל האבן א אויפגאבע. מיין אויפגאבע איז געווען אנצוגרייטן פרישטאג און לאנטש פאר די בחורים, האב איך באקומען די שליסל צו א סטארידזש צימער צו קענען אנגרייטן, אזוי האב איך אין איינוועגס באקומען א חדר מיוחד זיך צו קענען לערנען שפילן גיטאר.



מיט מו"ה שאול גאנץ הי"ו

איך פלעג קומען פרי אין ישיבה און זיצן מיטן גיטאר עס פרובירן צו דערכאפן, ווי אויך בין הסדרים בין איך געזעסן מיטן גיטאר אין האנט.

איך האב אן א שיעור מאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען דערכאפן, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן, צוביסלעך האב איך אנגעהויבן אויפכאפן ווי אזוי צו שפילן. פון אנפאנג האב איך טאקע נאר געקענט שפילן מיט נאטן, אבער צוביסלעך האב איך זיך דערלערנט צו קענען אליין אויפכאפן ניגונים און עס ריכטיג שפילן איך זאל נישט דארפן קיין נאטן.

יענעם יאר זומער האט מען טאקע אסאך געשפילט אין קעמפ די בחורים צוזאמען, איך האב דעמאלט געשפילט מיט מו"ה שאול גאנץ הי"ו און מיט מו"ה ישראל גאלדשטיין הי"ו וואס היינט איז ישראל א גרויסע שפילער און ער האט מיר אויסגעלערנט יענעם זומער אסאך גוטע טריקס, געוויסע קאורדס און סקעילס און פיל נאך.

אזוי האב איך זיך נאך אסאך תפילות גוט געלערנט דעם גיטאר ביז איך בין געווארן דער אפיציעלער שפילער ביי די שיעורים.

דעמאלט איז נישט געווען קיין קיבאורד ביי די שיעורים, נאר איך האב געשפילט גיטאר, מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו האב געשפילט פידל, ס'איז געווען בחורים וואס האבן געשפילט פלוט, קלארינעט, מו"ה יואל לעווי הי"ו האט געשפילט סעקסעפאון, אזוי פלעגט מען שפילן אין ישיבה מיט אלע מיני כלי זמר.

דער ראש ישיבה פלעגט יענע צייטן זיך אליינס אפגעבן צו אויסלערנען ווער ס'האט זיך נאר געוואלט לערנען, דער ראש ישיבה האט מיר געוויזן וועגן און ווי אזוי צו שפילן קאורדס, אויך האט מען געמאכט דעמאלט צעטלעך פון די ניגונים וואס דער ראש ישיבה האט געזינגען מיט די בחורים מיט די ריכטיגע קאורדס וואס צו שפילן.

# מחי' נפשות



די צעטליך פון קאורדס

## מען הייבט אן רעקארדירן די ניגונים פון ישיבה

איין טאג אין ישיבה קומט מיר דער ראש ישיבה פרעגן אויב איך האב מיין גיטאר, האב איך געזאגט אז יא, זאגט מיר דער ראש ישיבה: "ברענג עס, ווייל איך וויל רעקארדירן מיט מוזיק די ניגונים וואס מ'זינגט אין ישיבה פאר מיין מאמע, מיין מאמע גלייכט זייער די ניגונים וואס מ'זינגט אין ישיבה".

אזוי האבן זיך געשטעלט א כאר ארום די בימה, דער ראש ישיבה איז געשטאנען ביי די בימה און ביי די זייט איז געווען אני הקטן מיט נאך עטליכע כלי זמר. אויך האט דער ראש ישיבה געמאכט א קינדער כאר, איך געדענק ס'איז געווען דארט מו"ה משה ראזענבערג הי"ו, מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו מיט נאך עטליכע קינדער.

אויפן בימה האט מען ארויפגעלייגט א רעקארדער און מ'האט אנגעהויבן זינגען. מ'האט נישט געוויסט אז ס'נעמט צוויי סעקונדעס ביז די רעקארדער הייבט אן רעקארדן, דאס איז די סיבה פארוואס די ערשטע סידי הייבט זיך אן -ערנען און דאווענען...

למעשה איז די סידי וואס מ'האט בעצם געמאכט נאר פאר דער ראש ישיבה'ס מאמע אויסגעקומען אזוי שיין אז מ'האט עס ארויסגעגעבן לאור עולם, זאלן נאך מענטשן הנאה האבן און זיך מחיה זיין.

אזוי האט מען אנגעהויבן צו מאכן איין סידי נאכן צווייטן אויף דעם פשוטן וועג, דער ראש ישיבה מיט בחורים האבן געזינגען און געשפּילט און ס'איז ארויסגעקומען שיינע סידיס.

דערנאך איז געקומען די מוזיק ווידיאוס... ס'איז געווען חנוכה צייט, דער ראש ישיבה האט זייער שטארק געוואלט מאכן אידישע ווערטער אויף די ניגון 'סמכו על כוחי' פון מו"ה ישראל דגן הי"ו, אבער ס'איז זייער שווער אנגעקומען אויפצוקומען מיט די ריכטיגע אידישע ווערטער. ביז איינמאל איז דער ראש ישיבה געזעסן מיט די בחורים און יעדער האט צוגעלייגט זיין שטיקל און זיין קוועטש ביז ס'איז ארויסגעקומען די שיינע ניגון 'וואס האסטו זיך צו זארגן נאכדעם וואס איך גיי פאר דיר... פארלאז זיך אויף מיר'.

דער ראש ישיבה איז געמאלט געגאנגען מיט די בחורים אין פארק, איך האב געברענגט מיין גיטאר, מו"ה עקיבה וואקס הי"ו האט געברענגט זיין פידל און מ'האט געשמאקע אפגעזינגען דעם ניגון צוזאמען אין א פארק, ס'איז אזוי שיין אויסגעקומען אז דער ראש ישיבה האט געבעטן מ'זאל עס אויפכאפן, און אזוי איז צושטאנד געקומען די ערשטע מוזיק ווידיא ארויסגעגעבן פון ישיבה.

די אפקלאנג פון דעם ווידיא איז געווען זייער שטארק ב"ה, מענטשן האבן זיך ממש מחיה געווען.

יענעם זומער איז אנגעקומען די נייע ניגון 'איך וועל מיך לייגן



ביים מאכן דעם ערשטן סידי



די ערשטע מוזיק ווידיא – פארלאז זיך אויף מיר







ביים מאכן מוזיק ווידיאוס מיט די בחורים אין קעמפ

אין די לענג און אין די ברייט' דער ראש ישיבה איז געווען אויף א שפאציר מיט די בחורים אין וואלנאט מאונטען, מ'האט געזונגען דעם ניגון און עס רעקארדירט.

## מיטן קאשקעטל

איך געדענק, איך האב דעמאלט געהאט א קאשקעטל וואס איך האב זיך איינגעהאנדלט אין אומאן, איך האב זייער געגליכן עס צו טראגן, איך האב געטראפן יעדע געלעגנהייט צו קענען גיין דערמיט. אין קעמפ האבן עס אלע מיטגענומען און ווען איך האב געשפילט בין איך געגאנגען מיט דעם קאשקעטל.

ווען מ'איז געגאנגען צו וואלנאט מאונטען האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז איך זאל מיטנעמען די גיטאר און אויף דעם קאשקעטל... דעמאלט האט מען געמאכט די ווידיא פאר אומאן פון דעם נייעם ניגון 'איך וועל מיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט'.

## מיין שייכות מיט מקימי

נאכן זומער באקום איך איין טאג א טעלעפאן קאל, איך הייב אויף און יענער הייבט אן רעדן: "העלא, דא רעדט שלמה רייכבערג פון מקימי, דו ווייסט אפשר נישט ווער איך בין, אבער שוין עטליכע חדשים זוך איך דיין נומער. איך האב געזען דעם שיינעם פרעזענטאציע ווי אזוי דיין ראש ישיבה זינגט מיט די בחורים און ווי שיין דו שפילסט, וויל איך וויסן אויב דו וואלסט געוואלט גיין שפילן און משמח זיין ביי חולי ישראל?"

"איך זע נישט פארוואס נישט" איז געווען מיין ענטפער, "איך וועל פרעגן מיין ראש ישיבה. אבער איך בין א בחור, אפילו איך וועל קענען גיין, האב איך נישט קיין קאר, איך קען נישט קומען און גיין אליין". זאגט ער מיר: "דו זארג נישט, קודם פרעג דיין ראש ישיבה אויב דו קענסט קומען, און פון דארט וועלן מיר דיר שוין אלעס צושטעלן".

איך בין תיכף געגאנגען פרעגן דער ראש ישיבה. דער ראש ישיבה האט געענטפערט "אדרבה, ס'איז א גרויסע מצוה, זיכער זאלסטו גיין".

# מחי' נפשות


משמח מיט מו"ה חנני' שניצלער הי"ו

די נעקסטע טאג קלינגט ער מיך צוריק פרעגן וואס איז געווארן, זאג איך אים אז דער ראש ישיבה האב מיר געזאגט אדרבה זיכער זאל איך גיין משמח זיין חולי ישראל אין שפיטאל. גלייך פרעגט ער מיר "וואו און ווען קען איך דיר אויפפיקן?"

"זעקס אזייגער ענדיגט מען ישיבה און איך גיי זיין ביי 27 סקילמאן".

זעקס אזייגער קומט אן א קאר אינדרויסן פון ישיבה מיך אפצונעמען, ר' שמערי ווייס - א גרויסער בעל חסד - האט געדרייווט, ער האט מיר געמאכט שפירן זייער גוט און היימיש, ער זאגט מיר: "מיר גייען יעצט אויפפיקן ר' חנני' שניצלער א ברודער פון ר' מיכאל ע"ה" און לייגט צו "מיט אים וועסטו האבן א גוד טיים, וועסט זיך מחיה זיין מיט אים".

די קאר פארקט ביי די זייט און ר' חנני' זעצט זיך אריין. א פרייליכער אידל מיט א שמייכל פון אויער צו אויער, ער האט מיר גראד געמאכט שפירן זייער באקוועם און געשמאק. אזוי האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אין שפיטאל אריין.

ר' חנני' האט מיר געצייגט ווי אזוי ס'גייט צו, מ'גייט צו א שפיטאל און מ'באקומט א ליסטע פון מקימי פון אלע חולי ישראל וואס געפונען זיך אין דעם שפיטאל און אזוי גייט מען ארום פון איין צימער צום צווייטן משמח זיין חולי ישראל.

אזוי האב איך אנגעהויבן גיין גאר אפט צוזאמען מיט מיין



נייעם שותף ר' חנני' נ"י און מיר האבן אינאיינעם משמח געווען אסאך אידישע קינדער. ר' חנני' האט מיר אויסגעלערנט אלע טריקס ווי אזוי זיך אומצוגיין ביי די שפיטעלער, ווי אזוי צו באגריסן די איינגעשטעלטע, ווי אזוי אנצוקומען צו אלע חולי ישראל אין אלע צייטן זיי צו קענען משמח זיין - דורכן שמייכלען צו די שטאב און געבן גוטע ווערטער...יעדער שומרביים טיר איז געווארן זיין ליבליכע ברודער.... יעדע פארקינג וועכטער האט באקומען טוצן גוטע ווערטער, אזוי איז אלעס געפארן געשמירט בס"ד.

על הטוב יזכר, ר' חנני וואוינט נעבן דער ראש ישיבה און האט געדאווענט אינאיינעם מיטן ראש ישיבה נעבן זייער הויז און אפילו ווען דער ראש ישיבה איז אריבער שווערע רדיפות, האט ר' חנני אלץ שיין באגריסט דער ראש ישיבה און שטיל געמאכט דארט אין שול אויב האב איינער געוואלט בונטעווען....

שפעטער ווען איך האב זיך באקענט מיט ר' חנני', פלעגט ער אלץ צו גיין צופרי צו דער ראש ישיבה און אים זאגן "נעכטן האב איך געשפילט מיט אייזיק, ער איז אזא פיינער בחור, א בחור מיט תוכן... און אזוי ווייטער.

אזוי האב איך זיך געלערנט פון אים און ווי אזוי אנצוקומען אפילו אין די פארשפארטע שפיטאל קארידארן.

## צווישן די שפיטאל ווענט

איינמאל האט מען אונז נישט געוואלט אריינלאזן אין שפיטאל, ס'איז געווען דארט א וועכטער מיט אן אנגעצויגענע מינע אויפן פנים, זאגט ר' חנני' פארן גוי: "הער אויס, אויב לאזטו מיך נישט אריין, וועל איך דא אויפן פלאץ ארויסנעמען דעם גיטאר און דיך שפילן א ניגון". דער גוי האט נישט געוויסט וואו זיך אהינצוטון, ס'איז געווען אין די לאבי פון מאונט סיני שפיטאל, מיר האבן אנגעהויבן צו זינגען דארט פרייליכע ניגונים אויף ענגליש פון ר' מרדכי ווערדיגער הי"ו, ס'איז געווארן דארט גוט פרייליך, פארשטייט זיך אז נאכדעם האט מען אונז שוין געלאזט גיין וואו מיר האבן געוואלט צו משמח זיין חולי ישראל.

איינמאל מ'קומט שוין אן צום חולה אין צימער, הייבט זיך אן א פרישע פרשה, ווייל געווענליך איז דא צוויי מענטשן אין א צימער דארף מען וויסן אז מ'פרעגט נישט דעם שכן אויב ער איז מסכים, נאר מ'זאגט אים שיינערהייט אז מיר קומען נאר פאר אפאר מינוט און מיר גייען נישט מאכן קיין הויכע גערודער...

פארשטייט זיך אז אויפן וועג ארויס שטעלט מען זיך אפ א מינוט ביים שכן מאכן אביסל פרייליך און נאכדעם גייט מען צום נעקסטן... נאכן אפענדיגן אלע חולים אין שפיטאל זענען מיר אריבער אין ביקור חולים צימער און דארטן פרייליך געמאכט אלע וואס זענען דארט געווען און דערנאך איז געקומען א קאר אונז אויפפיקן און אהיים טראגן.

דאס איז אנגעגאנגען פאר א שיינע תקופה. ביז איך האב אנגעהויבן אליין צו גיין, איך האב אויך מיטגעשלעפט מיין ברודער סענדי ער האט געשפילט אויף א הארמאניקע און איך גיטאר.

איין נאכט באקום איך א קאל פון מקימי אז ס'דא א איד אין שפיטאל וואס גייט האבן מארגן א הארץ אפעראציע אויב מיר קענען גיין אין שפיטאל אים משמח זיין. אנקומענדיג אין שפיטאל האט אונז דער איד געזאגט אז זיין שכן שלאפט שוין, דעריבער וועלן מיר גיין צוזאמען צום ביקור חולים שטיבל און דארט וועלן מיר פארברענגען. דער איד פרעגט פון קיינעם נישט קיין שאלות, ס'איז געווען אין קאלאמביע שפיטאל, ער נעמט זיין איי ווי און קומט מיט אונז.

דארט אין ביקור חולים שטוב איז געזעסן א איד מיט א ספר אין האנט און איך האב מורא געהאט אז אפשר שטערן מיר אים דא, מיר קומען זינגען און מאכן פרייליך, אבער ער האט אונז געזאגט אז אדרבה מיר זאלן שפילן און זינגען....

דער איד וועמען מיר זענען געקומען באזוכן איז געווען א שטארקער מוזיק ליבהאבער פון די עלטערע ניגונים, מיר זענען געזעסן דארט א לאנגע צייט און פארגעסן פונעם זייגער און געזונגען ביזן נאכט אריין געשמאקע ניגונים פון אמאל.

די זייגער איז שוין געווען צוועלף אזייגער ביינאכט און פלוצלינג הערן מיר זעצעס אויפן טיר "סעקיוריטי איז דא", זיי זענען געקומען אויפזוכן דעם פאציענט, ער דארף מארגן האבן



זייענדיג די אפיציעלע שפילער אין ישיבה

# מחי' נפשות



די 'נאר פריילך' גרופע

א הארץ אפעראציע און ער איז פשוט נעלם געווארן...

צוויי וואכן שפעטער בין איך געגאנגען נאך געלט ביי א חתונה, דער ראש ישיבה מוטיגט אלץ די בחורים צו גיין נאך געלט און א איד קומט צו מיר און געבט מיר א צוואנציגער, ער פרעגט מיר "דו געדענקסט מיר?" זאג איך אז נישט.. זאגט ער מיר אז ער איז דער איד וואס איז געזעסן דארט אין די זייט אינעם ביקור חולים שטוב יענע נאכט, מיר האבן אים ממש מחי' געווען!

א שטיק צייט שפעטער האב איך באקומען א רוף פון דעם איד וואס איז אריבער דעם הארץ אפעראציע ער זאגט מיר אז ער וויל מיר איינלאדענען צום סעודת הודאה! ח"י שבט!

זאג איך אים: "אנטשולדיגט אבער ח"י שבט בין איך נישט אוועילעבל צו קומען ווייל יענע נאכט גייט זיין מיין חתונה בשעטומ"צ"!

## מיטן ראש ישיבה אין שפיטאל

איינמאל האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "שלעפ מיר, איך וויל אויך גיין אין שפיטאל משמח זיין". איך האב געפרעגט ר' שלמה רייכבערג אויב האט ער א פאציענט וואס דער ראש ישיבה קען אים גיין משמח זיין, זאגט ער: "יא, ס'דא א בחור וואס ליגט אין שפיטאל, ער קען דאס זייער ניצן" און ער האט מיר געגעבן די איינצלהייטן.

איך בין געווען זיכער אז ער שיקט אונז צו עפעס א צובראכענער בחור אז דער ראש ישיבה זאל אריינבלאזן און אים חיות, דערוויל קום איך אן מיט דער ראש ישיבה צום בחור און מיר זעען א סצענע וואס מיר האבן זיך גארנישט געקענט אויס'משל'ן. ס'זיצט א בחור מיטן שפיטאל חאלאט און איבער דעם טראגט ער זיין ישיבה חאלאט, ער זיצט איבערגעבויגן העכער אן ארטסקרול גמרא און ס'הילכט אפ א קול תורה!

ער האט קיינמאל נישט געהאט געהערט פון דער ראש ישיבה, עפעס וואס דער ראש ישיבה האט זייער מחשיב געווען און מ'האט געזונגען דארט ווארימע ניגונים און אים משמח געווען.

אזוי איז אויסגעקומען א שיינע פאר מאל צו קענען גיין צו חולי ישראל צוזאמען מיט דער ראש ישיבה.

נאך א שטיק צייט האט מען געעפנט אן אייגענע גרופע אין ישיבה ס'האט געהייסן 'נאר פריילך' ס'איז אנגעגאנגען א שיינע שטיק צייט וואס די בחורים פון ישיבה פלעגן בקביעות גיין משמח זיין חולים.

## מיט גרויסע זינגערס

אסאך פלעגט מיר אויסקומען צו שפילן ביי חולי ישראל מיט גרויסע זינגערס אבער נישט דאס איז געווען די מטרה פון גיין צו חולי ישראל... איינמאל איז מיר אויסגעקומען צו שפילן מיט ר' יהודה גרין הי"ו און איך בין אים זייער געפאלן, ער האט געוואלט איך זאל קומען שפילן נאך מיט אים, האט ער מיר געזאגט ער ווער ס'שפילט מיט אים ווערט זייער גרויס אזוי ווי אנדערע גרויסע שפילער וואס האבן אנגעהויבן זייערע קאריערע דורכן שפילן מיט אים, אבער דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז איך זאל דאס נישט טון נאר ווייטער גיין שפילן ביי חולי ישראל.

לעצטנס האב איך באקומען א רוף צו גיין צו א איד משמח זיין, נאכדעם וואס איך האב עס אנגענומען האב איך געפרעגט ווער נאך קומט, זאגט מיר יענער אז מו"ה מרדכי ווערדיגער הי"ו גייט אויך זיין דארט. איך האב גערופן אונזער חבר מו"ה מרדכי ראזענפעלד הי"ו וואס גייט אויך אסאך ארום צו חולי ישראל משמח זיין, איך האב געוויסט אז ער איז אין געגנט האב איך אים אויך אריבערגערופן, ב"ה אז ס'האט זיך זייער שיין אויסגעארבעט, ר' מרדכי האט געזען אז מיר קענען גאר גוט זיינע ניגונים, עס גוט געשפילט און געזינגען, האט ער שוין נאך אפאר מאל געבעטן אז מיר זאלן קומען מיט אים אינאיינעם משמח זיין ביי חולי ישראל.



ביים משמח זיין אינאיינעם מיט מו״ה מרדכי ווערדיגער הי״ו און מו״ה מרדכי ראזענפעלד הי״ו

יעצט אבער אז איך בין ב״ה חתונה געהאט, איך בין שוין נישט קיין בחור איז מיר אסאך שווערער צו קענען גיין רעגלמעסיג, ווייל ארויסגיין פון שטוב ביינאכט קומט נישט אין באטראכט, א אינגערמאן באלאנגט אין שטוב ביינאכט, אבער אסאך מאל ווען איך קען אינמיטן טאג זיך ארויפכאפן אין שפיטאל צו משמח זיין.

## וואס קענט איר פארציילן עפעס אן אינטערסאנטע עפיזאד וואס איר האט געהאט במשך די יארן?

איך דערמאן מיך א מעשה, ס'איז געווען א בחור פון ישיבה וואס איז געווען אין שפיטאל פאר א תקופה, דעמאלט איז די ישיבה געפארן אויף רעדער, מ'האט געמאכט שיפטס ווען צו גיין אין שפיטאל צו זיין מיט דעם בחור, ער איז דאן געווען אין איי סי יו.

געווען איז עס ערב שבועות און איך האב זייער שטארק נישט געוואלט פארפאסן צו זיין א שבועות אין ישיבה ביי דער ראש ישיבה, אבער אויף מיר איז געפאלן די גורל צו גיין זיין שבועות אין שפיטאל. דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט געזאגט אז אין דעם זכות זאל איך קיינמאל נישט דארפן זיין אויף די אנדערע זייט...

געזאגט האט מען מיר אז ס'דא א שול דערנעבן וואו איך וועל קענען דאווענען און די חסד וועט שוין צושטעלן די סעודות, איך דארף זיך גארנישט זארגן...

למעשה איז געווען לא דובים ולא יער, נישט געווען קיין שול דארט, און צו באקומען סעודות פון חסד האט מען געדארפט פון פאראויס באשטעלן וואס מ'האט למעשה נישט געטון, אזוי האב איך זיך געטראפן איינזאם אין לענעקס שפיטאל איבער שבועות.

אויף דעם צווייטן טאג שבועות איז מו״ה גדלי' דוד בלום הי״ו אריינגעקומען צופיס פון וויליאמסבורג, דאס האט שוין פארלייכטערט.

א נס האב איך געהאט אז איך בין א תלמיד היכל הקודש, איך האב געהאט בלויז מיין פעקל ספרים און חוץ פון דעם גארנישט, נישט קיין שלאפן, נישט קיין עסן, בלויז מיין משניות!

דא און דארט האב איך געטראפן א איד אין שפיטאל. איינע פון די אידן וואס איך האב דעמאלט געטראפן אין שפיטאל איז געווען דער ראש ישיבה'ס פעטער, אזוי האט דער ראש ישיבה ב״ה צוריקגעהערט שיינע גריסן נאך יו״ט.

ער האט פארציילט פארן ראש ישיבה אז ער איז אריינגעקומען אינמיטן יו״ט צו אונזער שטוב און זעט אויפן שפיטאל בעט ליגן 3 משניות און די בחורים זיצן און זאגן משניות! אזא מחזה האט ער נאך קיינמאל נישט געזען!

## ריבניצער רעביצין

נאך אן אינטערעסאנטע עפיזאד האב איך געהאט אז איך האב זוכה געווען צו קענען שפילן און משמח זיין ביים ריבניצער רעביצין ע״ה, זי פלעגט אלץ פארציילן ווי אזוי ווען זי האט חתונה געהאט מיט אירע גרויסער מאן דער הייליגער ריבניצער רבי, איז דאן דער ריבניצער רבי - אזוי ווי אסאך צדיקים בחיים חיותם - געווען אין די גאס ללעג ולקלס, זי האט פארציילט ווי אזוי זי איז געווען היפש יונגער פון איר גרויסער מאן און אירע חבר'טעס האבן געטריבן שפאס פון איר פארן חתונה האבן מיט

# מחי' נפשות



אירע גרויסער מאן.

זי האט אבער יא פארשטאנען צו קענען מעריך זיין די גרויסקייט פון קענען חתונה האבן מיט דעם ריבניצער רבי און זי האט זיך אויסגענומען מיטן ריבניצער רבי אז זי איז נאר מסכים חתונה צו האבן מיט אים אויב ער זאגט איר צו אז זי וועט ליגן נעבן אים נאך די פטירה, און אז אויפן עולם האמת וועט זי אויך זיין ביי אים, וואס ער האט איר טאקע צוגעזאגט!

נאכן משמח זיין ביי איר פלעגט זי אונז אלץ זאגן "יעצט גייט ארויף צו מיין מאן'ס ציון, צום הייליגן ריבניצער און זאגט אז ער איז אייך שולדיג א טובה פארן מיר אזוי מהנה זיין און משמח זיין!"

## ביי די פטירה פון מוהרא"ש

איינע פון די מענטשן מיט וועמען איך פלעג אסאך גיין משמח זיין איז געווען מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו, איך געדענק ס'איז געווען ווען מוהרא"ש איז נסתלק געווארן, איך בין געווען דאן מיטן ראש ישיבה ביים אוהל איינצורייסן תפילות, און דעמאלט איז ליידער אריינגעקומען די ביטערע נייעס אז מוהרא"ש איז נסתלק געווארן.

אויפן וועג אהיים אין קאר האט דער ראש ישיבה נישט ארויסגערעדט קיין ווארט פון מויל, איך געדענק ווי אזוי איך בין אהיימגעקומען און מיין טאטע האט מיר געפרעגט אויב די נייעס איז אמת, איך האב געשאקלט מיטן קאפ, איך בין אריין אין בעט און אויסגעהערט די נייע ניגון וואס איז דעמאלט ארויס פון מו"ה יואל קליין הי"ו אויף די ווערטער 'עד מה השם תאנף לנצח' און איך האב געוויינט אומאויפהערליך, אינמיטן באקום איך א טעקסט פון דער ראש ישיבה: מוצאי שבת JFK מיט א צייט.

איך האב פארשטאנען אז דער ראש ישיבה גייט פארן צו די לוי' אין ארץ ישראל און איך דארף שוין מאכן טיקעטס... איך האב געקלינגען מו"ה אלי קנאל הי"ו וואס האט מיר געזאגט אז אויב וויל איך א טיקעט מוז ער האבן די געלט ביז א שעה!

איך האב נישט געוויסט וואו זיך צו ווענדן פאר די געלט, ביז דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט צו בעטן ר' חיים מאיר ערפס, ער האט מיר געזאגט: "זיכער וועט ער מיר בארגן דאס געלט, ער איז יעצט אין מאנסי און ער קומט שוין אויף וויליאמסבורג מיך צו ברענגן דאס געלט".

אזוי האט זיך אנגעהויבן א שטארקע קשר צווישן מיר מיט ר' חיים מאיר, מיר פלעגן אסאך גיין צוזאמען משמח זיין אידישע קינדער, ער איז זייער טאלאנטפול, ער פלעגט מאכן ניגונים אויפן פלאץ!

## וואס קענסטו זאגן פאר די ליינער צום שלוס פונעם שמועס?

צום שלוס, אויב האט מען די רצון קען מען אנקומען צו משמח זיין חולי ישראל, אפילו אויב מ'האט שוין חתונה געהאט, און אפילו מ'וואוינט אין שטעטל אן דעם וואס דאס זאל גיין אויפן חשבון פון די שטוב, און ווען מ'טוט די מצוה דאנקט מען נאכאמאל דעם אייבערשטן אז מ'איז געזונט און אז די שטוב איז געזונט.

עטליכע מאל איז מיר שוין אויסגעקומען צו זיין אין קארנעל שפיטאל ביי די שטאק פון די עליטע רייכע, וואס זאל איך אייך זאגן, מיט די שענסטע טשילארס און רייכסטע טעפיכער מיט די שמייכל'דיגע שטאב וואלטן זיך אלע דארט גערן געקענט באשטיין צו טוישן מיט מיר...

ווער עס וויל אנהייבן גיין טון חסד און ווייסט נישט וואו אנצוהייבן, קען זיך פארבינדן מיט מיר און בס"ד וועל איך העלפן ווער ס'וויל גיין משמח זיין אידישע קינדער המצפים לישועת השם. און מ'דארף נישט קענען זינגען אדער שפילן, מ'דארף נאר האבן א רצון צו משמח זיין אידישע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אלע זיין געזונט און שטארק און זוכה זיין צו קענען פאלגן אלעס וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז און קענען טון אסאך חסד מיט אידישע קינדער.

קרן הדפסה

היכל הקודש ברסלב

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## מו"ה אשר לעווי הי"ו
## וזוגתו תחי'

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון 'קרן הדפסה'

## לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב
## ולרגל שמחת האפשערן של בנו אליעזר שלמה נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

## הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

# געדאנקען

## וואס איז כ"א כסליו?

וואס איז כ"א כסליו?

וואס האט פאסירט אין יענעם טאג?

די וועלט פירט זיך אזוי שוין טויזנטער יארן אז שטיקער ערד קומען און גייען. מדינות קומען אויף און מדינות גייען אונטער. איין פירער שטארקט זיך אויף אן אנדערן פירער און נעמט אים איין מיט אלע זיינע איינוואוינערס און מאכט זיי אונטערטעניג אונטער זיך.

ס'איז פארהאן מדינות, און ס'איז פארהאן שטיקער ערד.

למשל, אונזער אלעמען באליבטער ערד הנקרא מארמאראש און קארפאטן וואס דארטן האבן געלעבט די צדיקי בית סיגעט און נאך צדיקים וקדושים זכותם יגן עלינו, איז עטליכע מאל אריבער געגאנגען פון איין ממשלה צו אן אנדערע, און איז אפילו עטליכע מאל געווען צושניטן אין חלקים צווישן צוויי אדער מער מלוכות, אמאל האט רוסלאנד אהער געכאפט, און אמאל האט אונגארן אהינגעכאפט, און אמאל האט ראמעניע געכאפט פאר זיך.

און אזוי, למשל, דאסווארט "אוקריינע" האט אמאל געמיינט א שטיק ערד וואס איז אונטער די ממשלה הנקרא רוסלאנד, הייננט מיינט אוקריינע א ממשלה מיט'ן נאמען אוקריינע וואס איז די הערשאפט אויף די שטיק ערד הנקרא אוקריינע. די איינוואוינער אויף די ערד "אוקריינע" האבן היינט א זעלבסטשטענדיגע לאנד מיט'ן נאמען אוקריינע.

דער צודרייטער סערב וואס האט געשאסן דעם עסטרייכישן פירסט און גורם געווען די אנהייב פון די ערשטע וועלט מלחמה, האט געוואלט אז די איינוואוינער פון סערביע, די "סערבן", זאלן זיך אפרייסן פון אונטער די יאך פון עסטרייך, און האבן א זעלבסטשטענדיגע ממשלה וואס זאל הייסן סערביע.

אונזער הייליגער לאנד ארץ ישראל, איז דער שטיק ערד וואס דער אייבערשטער האט געזאגט אז ווען משיח קומט וועלן מיר אלע אהין גיין און מקריב זיין קרבנות אין דעם דריטן בית המקדש במהרה בימינו.

פאר באלד טויזנט יאר האט געוועלטיגט די "אטאמאן אימפעריע" (OTTOMAN EMPIRE) אין מיטל מזרח. עס איז דא וואס רופן די אטאמאן אימפעריע די "טערקישע אימפעריע". ארץ ישראל און פילע לענדער און שטיקער ערד ארום זענען געווען אונטער די טערקישע אימפעריע.

ווען און ווי אזוי האט זיך געענדיגט די אטאמאן / טערקישע אימפעריע ?

אום ד' תמוז תרע"ד (למספרם יוני 28 1914) האט א צוהיצטער סערב מיט'ן נאמען גאווריליא פרינציפ דערשאסן דעם ארכי-דיוק פראנץ פערדינאנד, דער צוקונפטיגער יורש פון די עסטרייך-אונגארישע מלוכה. דאס האט אנגעהויבן א וועלט מלחמה, באקאנט אלץ די ערשטע וועלט מלחמה. עס איז געווען די אליאירטע (פראנקרייך, ענגלאנד, רוסלאנד, אמעריקע, איטאליע, און יאפאן) קעגן די "צענטראלע" כוחות (דייטשלאנד, עסטרייך-אונגארן, די אטאמאן / טערקישע אימפעריע, און בולגאריע).

ווייל דאס איז דאך א דבר פשוט מימות עולם אז לענדער נעמען זיך אן איינער פאר'ן צווייטן, למשל אויב כינע זאל חלילה אטאקירן קאנאדע, וועט דען אמעריקע בלייבן שטיל? אודאי נישט! און אזוי ווערט עס נעבעך א וועלט מלחמה. ווייל יעדע לאנד האט דאך פון די אנדערע זייט נאך א שכן מיט נאך אנדערע פאליטישע חשבונות

די ערשטע וועלט מלחמה האט זיך געענדיגט מיט א זיג פאר די אליאירטע.

אגב, איינס פון די "צענטראלע" באזיגטע לענדער, איז געווען דייטשלאנד, וואס אירע פרעכע בעלי גאוה האבן נישט געקענט

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אראפשלינגען דעם זיג, דער צורר היהודים, וואס האט שפעטער גע'הרג'עט זעקס מיליאן קדושים רחמנא לצלן, האט אפעלירט צו די עמלקים אז מען מוז צוריק אויפבויען די (פארשאלטענע) דייטשע שטאלץ, און דאס האט אים געברענגט צו די מאכט, דאס מיינט אז די צווייטע וועלט מלחמה קען ווערן געזען ווי א רעאקציע צו די ערשטע וועלט מלחמה, די עמלקים האבן פאר יעדן פרייז געוואלט נאר אויפבויען זייער מיליטער צו ווייזן אז זיי זענען יא א שטארקע מדינה. במילא קען מען זאגן בדרך אפשר אז דער איינער שאס פון דעם צודרייטן סערב אין תרע"ד האט גורם געווען די ערשטע און צווייטע וועלט מלחמות. א מענטש קען חלילה מיט איין דרוק מיט'ן פינגער ברענגען א חורבן עולם.

ווען די ערשטע וועלט מלחמה האט זיך געענדיגט איז אוועק געפאלן שטיקער ערד פון די אמאליגע טערקישע אימפעריע. דאס שטיק ערד וואס מען האט גערופן פאלעסטינע איז געווארן געלייגט אונטער אזא סארט צייטווייליגע הערשאפט מיט'ן נאמען "דער ענגלישער מאנדאט" געפירט דורך ענגלאנד. אין יענע תקופה איז געווען פרעשור פון צוויי צדדים וואס זאל זיין דער דין מיט פאלעסטינע, די ציונים האבן געדרוקט און גע'לחץ'ט מען זאל זיי געבן א מדינה, און די אראבערס האבן געדרוקט אויף פארקערט, האט מען געמאכט דעם ענגלישן מאנדאט און מען וועט שוין זען שפעטער וואס וועט זיין, שפעטער איז געווארן דערקלערט אז דער בריטישער מאנדאט וועט עקספייערן אום 15 מאי 1948 למספרם.

אין א קליין שולכ'ל אויף בעדפארד קליימער איז געווען א הייפעלע אידן וואס די וועלט האט זיי געהאלטן פאר יאנטשי און פלאטשיג, אבער זיי האבן זיך נישט צו טון געמאכט נאר געקומען הערן וואס דער צדיק זאגט

איין טאג פריער, 14 מאי 1948 למספרם, זענען אויפגעשטאנען א כנופיא פון בלויז-קעפיגע אוכלי נבילות וטריפות מיט א צוויי דריי אנוועזנדע פון רעליגיעזן לאגער און דערקלערט פאלעסטינע אלץ א "אידישער" מדינה. בשעת'ן פארלייענען דעם דעקלערונג איז געווען פון הונטערוויילעכץ א ריזן בילד פון דעם כופר הערצל שר"י.

ביים שרייבן די ציוניסטישע דעקלערעישן אוו אינדעפענדענס, איז געווען א שטיקל פריוו מצד די רעליגיעזע מיטשלעפערס צו שרייבן פון אויבן דעם אור אלטן "בעזרת השם", האבן די פרייע מיט די דבר-אחר אנגעפאשעטע בייכער געמאכט א ויצעקו אז זיי ווילן דאס נישט דערלאזן בשום אופן, למעשה איז געבליבן אז מען האט נישט געשריבן בעזרת השם און די רעליגיעזע מיטשלעפערס וואס זענען געווען אויפ'ן ארט "בלויז פאר כבוד שמים" זענען געווען שותפים אין די אנולירונג פון שם השם אויפ'ן ערשטן אפיציעלן דאקומענט פון די ציוניסטישע ממשלה.

ציווארפנדיג א ביינדל פאר די רעליגיעזע האט מען אריינגעלייגט דארט א לשון אז די רעליגיעזע זאלן זיך קענען פאטשן די בייכער אז לכאורה מיינט עס א שטיקל רמז וואס מען וועט קענען זאגן א פשט'ל אז עס מיינט דעם אייבערשטן.

אין די אמעריקאנער דעקלערעישן אוו אינדעפענדענס שטייט אפן "גאט" אן קיין רמז און אן קיין פשט'לעך און דריידלעך, און אין די דעקלערעישן אוו אינדעפענדענס פון די וואס שרייען אז דאס איז א אידישע מדינה, איז אויסגעריסן דער שם השם. א חרפה און א שאנד, אז אזוי דארף אויסזען די "אידישע" לאנד.

אבער דאס מכחיש זיין שם השם האט נישט אפגעהאלטן די "לשם-שמים'דיגע" לעקערס פון זיך שטעלן צום שיסל כאפן א ביינדל.

ווען עס איז אנטשטאנען די ממשלת הכופרים איז דער נסיון געווען זייער גרויס, מען רעדט דא פון אידן וואס האבן געזען בחלום ובהקיץ יעדע נאכט ווי עס שפילט זיך איבער די גרויזאמע קאשמארן, ווי מען פירט אוועק צו מארד זייערע קינדער און געשוויסטער, זייערע זיידעס און באבעס און טאטעס און מאמעס

דאס אידנטום איז דאן באשטאנען פון קליינע קינדער יתומים, אן עלטערן, אדער מיטליעריגע אידן וואס האבן נעבעך פארלוירן די ווייב און קינדער, אלע צובראכן אויף שברי שברים.

פלוצלונג הערט מען ס'איז דא טאנקען, ס'איז דא עראפלאנען, מען שטעלט אויף אן ארמיי אז דאס גרויזאמע זאל זיך נישט איבערשפילן חלילה.

ווער קען דעקלערן פאר א צוועלף יעריגן קיילעכיגן יתום אן א ברודער אן א שוועסטער און אן א היים, אז טאנקען און עראפלאנען איז נישט קיין פארזיכערונג.

די נסיון איז געווען זייער גרויס.

אחד היה אברהם, יעדע וואך ביי שלש סעודות האט רבינו



## אין שווייץ גלייך נאכן באפרייט ווערן כ"א כסלו תש"ה

הקדוש מ'סאטמאר אויסגעשריגן מנהמת לבו, מיר ברויכן נישט קיין "אידישע" מדינה, נאר דורך משיח צדקינו אליין, למה אתם עוברים את פי השם והיא לא תצלח, גיי נישט מיט די פרייע, עס איז א סכנה בגוף ובנפש. אין א קליין שולכ'ל אויף בעדפארד קליימער איז געווען א הייפעלע אידן וואס די וועלט האט זיי געהאלטן פאר יאנטשי און פלאטשיג, אבער זיי האבן זיך נישט צו טון געמאכט נאר געקומען הערן וואס דער צדיק זאגט, מעגן די קאזנס און שכנים שרייען יאנטשי און פלאטשיג, מיר רירן זיך נישט א האר אן דעם צדיק, און אט די אידן האבן אויפגעשטעלט א הערליך דור לשם ולתפארת.

כסדר פלעגן זייערע קרובים זיי שטעכן און פליקן, דו דרייסט דיך דארט? נעבעך! אבער די טייערע שארית הפליטה אידן וואס האבן זיך געקלאמערט צום צדיק האבן נישט געקוקט אויף די בזיונות פון זייערע "נארמאלע" קרובים און שכנים. און זיי האבן נישט דערלייגט, א שיינע עדה אהערגעשטעלט, א הערליכע עזות-דקדושה'דיגע ארמיי פון ערליכע קינדער און אייניקלעך וואס זענען שטאלץ צו גיין בדרך התורה.

און ווי איינער פון די גדולים פון די אגודה האט געזאגט נאכ'ן רבי'נס הסתלקות ביום כ"ו אב, אזל גברא דמסתפינא מיניה, מיר אלע האבן שטענדיגט געקוקט אויף דעם צדיק, אז מיר זאלן נישט זיין חלילה צו ווייט אפגערוקט פון זיין דרך, אלע שיכטן און קרייזן פון כלל ישראל וואס זענען נישט געגאנגען לגמרי צו גרונד איז נאר וועגן אט דעם צדיק.

ווען נישט דעם רבי'ן וויפל וואלטן אינגאנצן מיטגעטאנצן מיט די כופרים און וויפל וואלטן נעבעך געהאלטן פאר א מצוה צו שיקן די קינדער אין די פרייע מיליטער השם ישמרינו.

יענע גורל'דיגע נאכט פון כ"א כסליו איז געשטאנען אויפ'ן וואגשאל א שווערע באשלוס, צו דער צדיק זאל ווערן געראטעוועט און מיט אים טויזנטער נשמות וואס וועלן אויסדרייען דעם רוקן צו די פרייע ממשלה, אדער חלילה נישט.

עס איז א יום טוב פאר שלומי אמוני ישראל אז רבינו הקדוש מ'סאטמאר איז געווארן געראטעוועט און אויסגעשריגן אז מיר דארפן נישט קיין טאנקען און עראפלאנען, מיר דארפן נאר אז דער באשעפער אליין זאל אונז היטן, מיר ווילן לעבן אונטער די שמירה פון בורא עולם און נישט אונטער די שמירה פון די וואס שרייען כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל.

מיר וועלן ווייטער גיין בדרך התורה פון זיך קלאמערן צו א ערליכער איד אפילו ווען די קאזנס און שכנים שרייען "יאנטשי" און "פלאטשיג".


פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן
מזל
טוב
פאר אונזער חשובער חבר וואס
שטייט אונז צו די רעכטע
מו"ה אשר לשווי הי"ו
וזוגתו תחי'
לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב
ולרגל שמחת האפשערן
של בנו אליעזר שלמה נ"י
דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען אסאך
אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער געזונטערהייט.
*sruliHeskel

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## צְדָקָה רַאטֶעוֶועט פוֹן טוֹיט

מוהרא"ש זאגט, דער הייליגער בית יוסף האט זוכה געווען אז מען האט אנגענומען זיין ספר, דער שלחן ערוך - צוליב די גרויסע ענוה וואס ער האט געהאט, און דער רמ"א האט זוכה געווען אז מיר אלע פסק'נען ווי דער רמ"א בזכות וואס ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין די מצוה פון צדקה.

מוהרא"ש דערציילט, אין שטאט קראקא, דער שטאט וואו דער הייליגער רמ"א איז געווען רב - האט געוואוינט א שיכור יענקעלע, ער פלעגט יעדן טאג נאכן ענדיגן ארבעטן נעמען די געלט וואס ער האט פארדינט און דאס אויסטרינקען. איינמאל האט ער געהערט ווי אן ארעמע פרוי אן אלמנה זינגט זיך אזוי אונטער: "רבונו של עולם, יענקעלע גייט טרינקען ביר און ברוינפן און איך האב נישט אויף שבת צו מאכן", יענקעלע שיכור האט דאס געהערט און ער האט דאס נישט געקענט אראפשלינגען, ער האט גענומען די געלט און




געלייגט ביי די טיר פון די אלמנה, ער איז אהיים און ער איז נפטר געווארן.

יענע נאכט, דער רמ"א זיצט אין שטוב און לערנט די הייליגע תורה, פלוצלונג קומט אריין א איד, יענקעלע און זאגט: "איך רוף דיך צו דין תורה אויבן אין הימל", דער רמ"א האט געמיינט ער מאכט שפאס, דער יענקל איז געווען א באקאנטער שיכור פון קראקא, ער האט זיך נעבעך געוואלגערט אין די גאסן, נישט אויפגעהערט טרינקען. דער רמ"א זאגט אים: "שטער מיך נישט פון לערנען, מאך נישט קיין חוזק פון מיר", אבער יענקעלע דער שיכור זאגט: "דער רב זאל מיך גלייבן, איך בין שוין א נפטר, איך האב א טענה צום רב".

דער רמ"א האט זיך אביסל דערשראקן, ער טראכט 'ווי אזוי איז ער אריינגעקומען צו מיר אין שטוב? עס איז דאך פארשפארט די טיר, זעט אויס עס איז נישט קיין וויץ'. ער פרעגט אים: "וואס איז דיין טענה אויף מיר?" זאגט ער: "דער רב פלעגט אלץ גיין נאך געלט אבער דער רב איז קיינמאל נישט געקומען צו מיר בעטן צדקה, יעצט ווען איך בין א נפטר זע איך אז צדקה ראטעוועט פון טויט, צדקה נעמט אראפ אלע עונשים, פארוואס האט דער רב נישט געבעטן פון מיר געלט?" האט דער רמ"א געזאגט: "ביזט גערעכט, גיי צום בית דין של מעלה און זאג 'איך רבי משה איסרליש טו תשובה, און פון היינט אן גיי איך מזכה זיין יעדן איינעם מיט די מצוה פון צדקה'".

על כן, איך וויל נישט דו זאלסט מיך רופן צו די דין תורה, וויל איך דיר יעצט בעטן דו זאלסט גיין נאך געלט צאמנעמען פאר קמחא דפסחא פאר אידן וואס דארפן געלט אויף יום טוב, און ברענג עס פאר די גבאים פונעם בית התבשיל, אדער דער גבאי פון ירושלים יצחק נרו יאיר, וועסטו נישט דארפן האבן צוטון מיט קיין דין תורה'ס.

**(עצתו אמונה צו תשפ"ג)**





# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קמ"א

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

שַׁבָּת פַּרְשַׁת נֹחַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת פַאר דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן טָאכְטֶער מִרְיָם, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי פָארְשְׁפִּיל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג. דִי טֶענְץ וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי אִים, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן כִּמְעַט אַ גַאנְצְן שַׁבָּת. אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן הָאט מֶען גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן יֶענֶעם שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל וַויין לְכָבוֹד דִי שִׂמְחַת הַחֲתוּנָה וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אָן אוֹיפְהֶער. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶעלַיינְט אוֹיף ר' יוּדְל אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטַאנְצְן. מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען דֶעמָאלְט אַן עֶרְנְסְטְן נִיגוּן, אַ שְׁטַייטֶע הִתְעוֹרְרוּת'דִיגֶע נִיגוּן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ טַאנְצְן אוֹיף אַן הִתְעוֹרְרוּת נִיגוּן. עֶס אִיז בַּאקַאנְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶער נִיגוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזִינְגֶען, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מִיט דֶעם נִיגוּן רוּפְט מֶען אַרָאפּ דִי נְשָׁמוֹת פוּן גַן עֵדֶן, מֶען רוּפְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי צַדִיקִים אִין דִי מִשְׁפָּחָה וָואס לֶעבְּן שוֹין נִישְׁט, דָאס מֵיינְט דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים; זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, אוּן זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בַּיי יֶענֶעם שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס קֶען טְרִינְקֶען וַויין, קֶען עֶר מִיט דֶעם מְכַפֵּר זַיין אוֹיף עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אַז אַ גוּטֶער אִיד טוּט אַ טְרִינְק וַויין, קֶען עֶר מוֹחֵל עֲווֹנוֹת זַיין", אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאנוּצְט מִיט זְכוּת אָבוֹת, אוּן דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעוֶוען גָאר גֶעוֶוען אַ טוֹבָה פַאר זֵיי.

נָאךְ שַׁבָּת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט רֶבִּי נָתָן, אִינְאֵיינֶעם מִיט נָאךְ פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן אוֹיךְ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, צוּ דִי חֲתוּנָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט וָואלְטְשִׁיסְק, וָואס אִיז בְּעֶרֶךְ הוּנְדֶערְט דְרַייסִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

אִינְמִיטְן וֶועג, נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג פָארְן, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אֵיין פַארְנַאכְטְס צוּ עֶפֶּעס אַ גַאסְטְהוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אָפְּרוּעֶן.

דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק פוּן טְשֶׁערִין, וָואס אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט מִיטְגֶעפָארְן מִיט'ן רֶבִּי'ן צוּ דִי חֲתוּנָה, אַז עֶר זָאל צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן אוּן רוּפְן דֶעם גוֹי'אִישְׁן בַּעַל עֲגָלָה, וַוייל עֶר וִויל אַבִּיסְל פָארְן שְׁפַּאצִירְן.

ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק הָאט זִיךְ צוּגֶעאַיילְט צוּ טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס ווִילְן, עֶר הָאט אַלֶעס צוּגֶעגְרֵייט וִוי מֶען דַארְף, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועגְן צוּזַאמֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק עֶר זָאל הֵייסְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה צוּצוּבִּינְדֶען דִי שְׁטְרִיק פוּן דִי פֶערְד גְלַייךְ צוּם וָואגְן, עֶר זָאל נִישְׁט הַאלְטְן דִי שְׁטְרִיק אִין דִי הֶענְט וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, נָאר עֶר זָאל לָאזְן דִי פֶערְד גֵיין אַלֵיין וואוּ זֵיי ווִילְן

פְלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע נֶעפְּל אוּן טוּנְקְלְקֵייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעדֶעכְט אוּן טוּנְקְל אַז ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען דֶעם רֶבִּי'ן כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעזֶעסְן גְלַייךְ נֶעבְּן אִים אוֹיפְ'ן וָואגְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי פֶערְד גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם וָואגְן פַאר אוּמְגֶעפֶער אַ שָׁעָה צְוֵויי, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶע אוּמְבַּאקַאנְטֶע שְׁטָאט, אוּן דִי פֶערְד הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ גַאסְטְהוֹיז אָן אַ דַאךְ. דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרָאפּ פוּן וָואגְן אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין דֶעם הוֹיז.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# לעבנסגעשיכטע פון
# בי״א בכסליו



מערערע מאל האבן מיר שוין געהערט פונעם ראש ישיבה שליט״א, אז יהדות אמעריקע איז צו פארדאנקען דעם צדיק און דעם אור רביה״ק מסאטמאר זי״ע, וואס האט מיט מסירת נפש געאקערט אויף דעם הארטן אמעריקאנעם באדן און איינגעפלאנצט קערנדלעך פון תורה, עבודה און גמילת חסדים.

דער רבי זי״ע פון סאטמאר, האט זיך נישט דערשראקן פון קיינעם, נאר מיט א געוואלדיגע עזות דקדושה געקעמפט ווי א לייב, אויפגעשטעלט מוסדות, ישיבות, און א קהילה בקודש וואס איז געווארן א סימבאל און א לייכט טורעם און גלות.

ער האט אויסגעטרעטן און געברענגט דעם דרך החסידות מעבר הירדן פון ״דעם אלטן היים״ און איבערגעפלאנצט די זעלבע תורת אמך דא אין אמעריקא. נאך די ערשטע זמען זענען געפלאנצט געווארן האט שוין געשפראצט אידישקייט און חסידישקייט אין אמעריקע אין אלע חסידישע הויפן. דער רבי זי״ע איז אבער געווען דער נחשון, דער ״אחד היה אברהם״ וואס האט זיך געשטעלט קעגן א וועלט, בעיניני צניעות, ציונות, קדושת ישראל און אין יעדע נושא וואס אנטבאלאנגט תורה און אידישקייט.

דער ראש ישיבה שליט״א האט שוין עטליכע מאל ערווענט אז די שטעטל און די מוסדות פירן זיך על פי דעם דרך מוהרא״ש זי״ע און פונעם הייליגן רבי'ן זי״ע פון סאטמאר. און ווי באקאנט, איידער מוהרא״ש האט אנגעהויבן בויען די מוסדות אין יבניאל, האט ער זיך אראפגעזעצט מיט'ן לאנגיעריגן מנהל מוסדות סאטמאר הרב ר' בנימין הערש בערקאוויטש ז״ל און אים אויסגעפרעגט אלעס וויאזוי דער רבי זי״ע האט מייסד געווען די מוסדות, די הנהגה און יסודות.

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן אז ר' בנימין הערש האט דאן געזאגט פאר מוהרא״ש אז דער רבי זי״ע האט אים געהאט געזאגט מיט פיל יארן פריער אז ווען עס וועט קומען איינעם צו אים און זיך נאכפרעגן וויאזוי צו פירן די מוסדות על פי דעם דרך פון סאטמאר רבי, זאל ער אלעס פינקטליך זאגן. (אנדערש ווי מענטשן וואלטן געטראכט, ״לאמיר האלטן אונזערע סודות פון הצלחה ביי אונז. דער רבי האט נאר געוואלט איין זאך, המשכת הדורות.)״ ר' בנימין הערש האט געזאגט פאר מוהרא״ש זי״ע אז ער ווארט שוין 50 יאר דערויף און קיינער האט אים נאכנישט געפרעגט. ער האט אנגעדייט, ״ווייזט אויס אז דער רבי האט דיר געמיינט.״

ווי באקאנט איז כ״א כסלו געווען די טאג וואס דער רבי זי״ע איז געראטעוועט געווארן פון די רשעים. א טאג וואס דער אייבערשטער האט געראטעוועט אונז און אונזערע דורות, צו בלייבן אידיש א דאנק די געוואלדיגע מסירת נפש פון דעם צדיק.

די געשיכטע פון די נס הצלה איז אן אינטערעסאנטע שטיקל היסטאריע. אבער איידער מיר קומען צו צום עצם נס הצלה, לאמיר צוריקמישן די בלעטער פון היסטאריע און אויפמישן א רייך שטיקל היסטאריע, די יוגנט פון דעם שרף, פון דעם גרויסן צדיק וקדוש רביה״ק יואל טייטלבוים זצ״ל.

# הרה"ק מ'סטמאר זי"ע

**מ. מאנן**

**י"ח טבת תרמ"ב** איז אראפגעקומען אן אור אויף די וועלט. ויקרא שמו בישראל 'יואל'. דאס קינד איז געבוירן געווארן צו זיינע הייליגע עלטערן דער קדושת יום טוב און זיין רעביצין חנה ע"ה. (דאס איז געווען זיין צווייטע רעביצין, ווייל זיין ערשטע רעביצין האט ליידער נישט איבערגעלאזט קינדער.)

שוין אלץ קליין קינד האט מען געזען אז דער קינד האט שטארקע רצונות צו ווערן זיין אן ערליכער איד, ער וויל טון מצות, ער וויל מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן.

אן אינטערעסאנטע עפיזאד האט זיך אפגעשפילט ווען ער איז אלט געווען פינף יאר. זיין טאטע דער קדושת יום טוב האט אים מכבד געווען פרייטאג צונאכטס צו זינגען אשת חיל. יארן שפעטער פלעגן עלטערע חסידים נאך רעדן פון יענעם מאמענט. דער יונגער קינד איז געשטאנען איינגעהילט אין זיין בעקיטשע, בשעת זיינע בלאנדע פיאות האבן זיך געוויגט און זיין גאלדענע שטימע האט זיך דערהויבן און אנגעווארימט די הערצער.

איין וואך ביים טיש איז דער יונגער יואל'יש איינגעשלאפן ווי נאר זיין טאטע האט אנגעהויבן זאגן תורה. אבער ווי אינטערעסאנט אז די מינוט וואס ער האט געענדיגט האט זיך יואל'יש דערוועקט. איינע פון די חסידים האבן זיך געווערטלט מיט אים, "נו, יואל'יש, דו ווייסט ווען צו גיין שלאפן און ווען אויפצושטיין!" (מיינענדיג צו זאגן אז ער האט נישט געהאט כח אויסצוהערן די לאנגע טיפע תורה פון זיין טאטן.) יואל'יש האט זיך באליידיגט. "איך בין נישט געשלאפן." האט ער זיך פארענטפערט, "אויב וועט איר שטעלן וויין צום טיש, וועל איך איבערזאגן די גאנצע תורה." די חסידים האבן געשמייכלט, ווייל עס איז נישט געווען מעגליך אז אזא יונג קינד זאל איבערזאגן אזעלכע הויכע דבר תורה, אבער דער עילוי האט זיי אלעמען איבעראשט און אנגעהויבן נאכזאגן די תורה ווארט ביי ווארט צובערענגענדיג אלע מקורות און זיך אפילו אפגעשטעלט דארט ווי זיין טאטע האט זיך אפגעשטעלט! די חסידים זענען ארויס פון התפעלות. אפילו דער קדושת יום טוב האט זיך ערלויבט א שמייכל. ווען יואל'יש האט געזען אז זיין טאטע האט הנאה, האט ער זיך אנגערופן, "און אויב וועט איר שטעלן נאך א באטל וויין

> **ר' בנימין הערש האט געזאגט פאר מוהרא"ש זי"ע אז ער ווארט שוין 50 יאר דערויף און קיינער האט אים נאכנישט געפרעגט. ער האט אנגעדייט, "ווייזט אויס אז דער רבי האט דיר געמיינט."**

פאר לחיים וועל איך איבערזאגן די גאנצע תורה וואס מיין טאטע האט געזאגט לעצטע יאר דעם שבת!" די חסידים האבן זיך איינגעהערט מיט שפאנונג, אבער דער קדושות יום טוב האט זיך געגעבן א רוף אן, "שוין גענוג. עס איז שוין זייער שפעט." ווייזט אויס אז ער האט געוואלט אפהיטן זיין יואל'יש פון א בייז אויג.

ווען יואל'יש האט איינמאל געלערנט די פרשה פון אליעזר מיט די קעמלען איז ער אהיימגעקומען זייער באזארגט. ער האט נישט געוואוסט וויאזוי א קעמל זעט אויס. ווייל אין סיגעט איז קיינמאל נישט געווען קיין קעמלען. "טאטע," האט ער געפרעגט מיט באדויער, "וויאזוי זעט אויס א קעמל? איך וויל פארשטיין די חומש." האט זיין הייליגער טאטע אים גערופן צו די פענסטער און געוויזן, "דו זעסט? דארט זענען דא א גאנצע סטאדע מיט קעמלען." דער יונגער צדיק האט געקוקט און געזען. ער האט געזען א סטאדע קעמלען, וואס האבן זיך באוויזן פאר'ן יונגן צדיק אז ער זאל פארשטיין וואס ער לערנט.

ער פלעגט לערנען א גאנצע נאכט און דערנאך אריינכאפן א שעה אדער צוויי שלאף, נאר גענוג צו האבן כח ווייטער צו לערנען. ווען יואל'יש איז אלט געווען זיבן יאר האט ער זיך געטראפן מיט ר' מרדכי'לע פון נדבורנא זי"ע. דער צדיק האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט אויף אים, "זיין פנים שיינט פון הייליגקייט."

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אסאך נאך די מעשה אז דער הייליגער קדושת יום טוב האט געשיקט זיינע צוויי זון צו רבי מרדכי נדבורנא, און דער צדיק האט געזאגט צו די צוויי הייליגע ברידער דער עצי חיים און דער דברי יואל, "קינדער פילטעוועט אייך אין חומש רש"י (לערנט אסאך חומש רש"י) ווייל איך קען אסאך גאונים וואס ווייסן נישט וואו דער באשעפער וואוינט." (מיינענדיג צו זאגן אז דעם אייבערשטער טרעפט מען אין חומש איז א לימוד וואס מען טאר

## בויען א בית התבשיל אזוי ווי דער רצון פון מוהרא"ש איז געווען.

אין די יעצטיגע טעג ארבעטן די עסקני בית התבשיל צו ענדיגן די פלענער און פאקטיש אנהייבן בויען. אט האט איר די סוקסעסן פון די ערשטע דריי מסיבות וואס זענען פארגעקומען פארגאנגענע וואך. ערווארט אייערע פערזענליכע רוף זיך צו אנשליסן אינעם קאמפיין

**בארא פארק**
$79,494

**קרית יואל**
$37,000

**לינדען - סטעטן איילענד**
$49,450

קרן הבנין

בית התבשיל

*sruliHeskel

מיר האלטן ביי 35 אנשי שלומינו
וואס האבן שוין גע'חתמ'ט שטרות
און געזאגט:

# "הנני"

## איך בין גרייט!

אונזער ציל: 250 אַנשי שלומינו זאלן זיך אנשליסן אינעם

ח"ו נישט פארנאכלעסיגן." דער רבי זי"ע האט טאקע געלייגט א שטארקע דגוש דערויף כל ימיו, ביי אים און זיינע תלמידים.

חוץ זיין אהבת התורה האט ער אויך שטארק געארבעט אויף זיך צו האבן אהבת ישראל צו יעדן איד. איין אזא מעשה איז געווארן זייער באקאנט.

די רעביצין האט זיך שטארק

**זיין מאמע האט נישט קיין געלט צו קויפן א מאנטל פאר אים. האב איך געטראכט אז איך וועל אים געבן מיינס.**

געזארגט פאר איר יואל'יש. ער האט ווייניג געגעסן און געשלאפן און פלעגט ארויסגיין גאר פרי אין די פראסטיגע ווינטערס. דעריבער האט זי אים געקויפט א טייערע ווארימע מאנטל וואס זאל אים האלטן ווארעם און געזונט.

אין פרייטאג צונאכטס איז די רעביצין געגאנגען באזוכן אן ארימע קימפעטארין. בשעת די רעביצין האט דארט פארברענגט האט זי באמערקט אז א יונגל בערך אין יואל'יש'ס עלטער איז אריינגעקומען אנגעטועט מיט פונקט די זעלבע מאנטל ווי איר יואל'יש. די רביצין האט זיך געוואונדערט דערויף ווייל זי האט געוואוסט אז דאס איז גאר א טייערע מאנטל. ווען זי איז אהיימגעקומען איז זי אריין אין יואל'יש'ס שטוב און אויפגעזוכט זיין מאנטל. זי האט עס אבער נישט געפונען. ווען יואל'יש איז אהיימגעקומען פון שול האט די מאמע אים געפרעגט דערוועגן. יואל'יש האט אראפגעלאזט די קאפ און בלית ברירה פארציילט, "איך דארף נישט די מאנטל. עס מאכט מיר פילן הייס. מיין חבר, יענקל, ער איז אייביג קאלט. ער האט שוין אזויפיל געפעלט פון חדר ווייל ער האט נישט גוט געפילט, אבער זיין מאמע האט נישט קיין געלט צו קויפן א מאנטל פאר אים. האב איך געטראכט אז איך וועל אים געבן מיינס. איך האב געהאפט אז דו וועסט מסכים זיין!"

עס איז איינמאל אויסגעקומען אז דער רבי זאל שלאפן אין איין שטוב מיט דער הייליגער שינאווער רב זי"ע. דער שינאווער רב האט באוואונדערט דעם הייליג צורה פון דער יונגער צדיק בשעת ער איז געשלאפן. פלוצלינג האט ער געזען ווי יואל'יש דעקט צו זיין האנט מיט זיין נאכטהעמד און אזוי האט ער זיך געקראצט. דער שינאווער רב איז ארויס פון התפעלות און זיך אויסגעדרוקט, "אזעלכע הייליגע הענט." (ער האט באוואונדערט וויאזוי דער רבי האט אפילו אינמיטן שלאף זיך געהיטן פון ווערן טמא.)

ווען דער רבי האט בר מצוה געהאט האט ער געזאגט א פשט'ל פון צוויי שעה! נישט נאר די גאנצע שטאט האט געוואונדערט דערמיט, נאר גאנץ אייראפע. עס איז געווען באשריבן אין אלע גרויסע צייטונגען פון יענע תקופה.

נאך דער בר מצוה האט דער רבי זיך נאכמער אריינגעווארפן אין זיין לערנען. ער האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל האבן כח צו לערנען, און פארשטיין דאס לערנען.

אזוי איז דער רבי טאקע געוואקסן צום סוף צו זיין ממש א מציל ומושיע פאר אונזער דור.

## דער רבי אלץ רב אין סאטמאר

דער רבי האט חתונה געהאט ביי די 17 יאר. תיכף נאך די חתונה האט זיך דער יונגער עילוי אריבערגעצויגן צו די שטאט סאטמאר, לויט די עצה פונעם הייליגן בעלזער רב, ר' ישכר דוב זצ"ל. דעם ערשטן שבת וואס ער האט דארט געוויילט האט ער געפראוועט שלש סעודות. א גרויסע עולם איז זיך צאמגעקומען און זענען צוגעצויגן געווארן צום רבי'ן'ס דברי תורה און הארציגע ניגונים. דאס איז געווען אין חודש אלול. די ימים נוראים האט דער רבי געפראוועט ביי זיך אין שטוב יענע יאר, מיט א גרויסע מנין. דער עולם איז זייער נתעורר געווארן, סיי פון די ווארימע תפילות (דער רבי איז באקאנט געווען מיט זיין הארציגע שטומע.) און סיי פון די דברי התעוררות.

ערב סוכות האבן די אידן געלאדענט דעם רבי'ן צו קומען דאווענען אין די שטאטישע שול און אנפירן מיט די תפילות און פראווען די הקפות ביי זיי אין שול. דער יו"ט איז געווען א העכערע בחינה. אזא שמחת תורה האבן די אידן אין סאטמאר נאכנישט בייגעוואוינט. דער רבי איז געשטאנען שעות לאנג, בשעת זיין פנים האט געפלאמט ווי א מלאך. ווען דער בעלזער רב האט געהערט דערפון, האט ער זיך אויסגעדרוקט, "אזא הקפות ווי דער סיגעטער רב'ס זון פראוועט, קענען נישט רבי'ס וואס זענען פיל עלטער ווי אים!"

נאך יום טוב האבן די אידן פון סאטמאר באשלאסן צו גרינדן א בית המדרש פאר'ן יונגן רב און עס גערופן, "ר' יואל'יש'ס בית המדרש."

דער דעמאלטס'דיגער רב אין סאטמאר דער זכרון יהודה, האט זיך שטארק געפריידט צום אנקום פונעם רבי און אהינגעשיקט זיינע בחורים פון ישיבה זיך לערנען יראת שמים פונעם "דער סיגוט'ער'ס זון". די בחורים זענען אזוי נתפעל געווארן ווען זיי האבן דערזען דעם רבי'ן אז זיי האבן באשלאסן אז זיי קומען שוין נישט צוריק און האבן שטארק געבעטן ער זאל עפענען א ישיבה פאר זיי. אזוי האט זיך געגרינדעט די ערשטע "סאטמארע ישיבה".

דעם סאטמאר רבי'ן'ס ערשטע און שטערקסטע חסידים זענען פון יענע יארן אין סאטמאר.

## רב אין ארשאווע

אין אלול תרע"א זייענדיג קוים 24 יאר אלט, האט מען פארבעטן דעם רבי'ן צו זיין רב אין ארשאווע. טויזענטער אידן האבן דארט געוואוינט אבער ליידער האבן זיי זיך נישט געפירט על פי תורה. זיי פלעגן דארט פראווענען ליידער געמישטע חתונות. פארשטייט זיך אז די ערשטע זאך וואס דער רבי האט דארט אויפגעטון איז געווען בטול צו מאכן די סארט חתונות.

רוב מענטשן פון שטאט האבן זיך צוגעשטעלט צום נייעם רב, אבער עס זענען ליידער געווען אפאר אויבער-חכמים וועלכע האבן חוזק געמאכט פון דעם יונגן פרומע רב. (דער רבי האט נאך דאן אפילו נישט געהאט א בארד!)

דער רב האט אבער נישט געוואוסט פון קיין פשרות און ער איז אנגעגאנגען מיט זיין מערכה אין פולן שוואונג. עס איז געווען דארט אין שטאט א פראסטע יונג וועלכע האט מיט גרויס חוצפה באשלאסן צו גיין קעגן דעם רב ביי די חתונה פון זיין שוועסטער. ווען מען איז געקומען פארציילן פאר'ן רבי'ן אז מען פירט זיך דארט אויף נישט איידל און געמישט, האט זיך דער יונגער רב געאיילט צו די זאל אפצושטעלן די פריצות. מען איז שנעל געלאפן זאגן פאר דעם פראסטן בחור אז דער רב קומט, אבער ער האט זיך נישט דערשראקן. "זאל ער נאר קומען," האט ער געענטפערט מיט עזות, "און אויב ער דערוואגט זיך מיר אפצושטעלן וועל איך אים ווייזן ווער עס איז בעל הבית!"

ווי נאר דער רב איז ערשינען אין זאל, זענען רוב פון זיינע חברים אנטלאפן. אבער דער מחוצף האט זיך געשטעלט קעגן דעם רב מיט זיינע פויסטן אויסגעשטרעקט און זיך געגרייט אים צו שלאגן רח"ל. מען האט אים באצייטנס אפגעהאלטן, און דער רב איז דערוויל ארויסגעטאנצן פון פענסטער. גייענדיג אהיים האט דער רב זיך אנגערופן, "ער וועט נישט לאנג נאך אזוי טאנצן."

אפאר טעג נאך די חתונה איז די שטאט אויפגעשוידערט געווארן מיט שוידערליכע נייעס. דער בחור, וועלכע האט געארבעט ביי זיין פאטער אין די מיל, (א מיל איז געווען א פעקטערי ווי מען האט געמאכט מעל. מען פלעגט צומאלן די קערנדלעך צווישן צוויי ריזיגע שטיינער און אזוי איז געווארן מעל.) האט זיך ל"ע אריינגעכאפט צווישן די צוויי ריזיגע מיל שטיינער און זיין גאנצע קערפער איז צומאלן געווארן!

יעדער האט פארשטאנען צוליב וואס עס איז אים געקומען אזא מיתה משונה. עס האט אנגעכאפט א פחד פאר די שטאטס לייט. זיי האבן איינגעזען וואספארא הייליגע רב זיי האבן אין שטאט. פיל פראסטע בחורים זענען געקומען איבערבעטן דעם רבי'ן און זענען געווארן ערליך און פרום.

דער רבי האט געגרינדעט א ישיבה אין ארשאווע. אין אנהייב זענען די שטאטס מענטשן געווען דערקעגן. זיי האבן געטראכט אז עס וועט זיי קאסטן צופיל געלט. אבער דער רבי האט נישט געוואלט אויפגעבן. און טאקע שפעטער ווען די ישיבה האט געבליט, האט עס געברענגט פיל ביזנעס צו די געגנט, ווייל די עלטערן פון די קינדער פלעגן קומען באזוכן, איינשטיין דארט און איינקויפן דארט. ביז א קורצע צייט האט דער רבי'ן'ס ישיבה באקומען א גאר גוטע נאמען און בחורים האבן געשטראמט פון איבעראל דארט צו לערנען. ביז א קורצע תקופה האט די ישיבה פארמאגט 200 בחורים. ארשאווע האט אנגעהויבן צו שפראדלען מיט אידישקייט און זי איז געווארן א שטאלץ אין די אידישע וועלט. די שטאטס מענטשן האבן שטארק ליב



געהאט
זייער
רב
און זיך

געקלאמערט
ארום אים.

## רב אין קראלי

דאס שטעטל קראלי האט זוכה געווען צו פיל דערהויבענע רבנים פון פריערדיגע דורות. אצינד האבן זיי געזוכט א נייעם רב און געשיקט א דעלעגאציע צום רבי'ן אנצוטראגן די פאסטן אין קראלי. ווען די אידן פון ארשאווע האבן געהערט דערפון זענען זיי געקומען וויינען צום רבי'ן אז ער זאל זיי נישט איבערלאזן. אבער צוליב סיבות וואס ער האט נישט מיטגעטיילט, האט דער רבי געשפירט אז ער דארף אננעמען די אמט אין קראלי.

ווי נאר דער רבי איז אנגעקומען אין קראלי האט ער זיך ארייגעווארפן מיט זיין גאנצן חיות אין די מצב פון אידישקייט דארט. דאס ערשטע האט ער אויפגעשטעלט א ישיבה דארט און אריינגעברענגט חסידיש'קייט אין שטאט. קראלי האט ביז דאן נישט פארמאגט אזויפיל חסידים, און די חסיד'ישע אידן האבן זיך געשעמט מיט זייער שטריימל און חסיד'ישע לבוש. אבער יעצט אז דער רבי איז געווען אין שטאט איז די חסיד'ישע לבוש געווארן א שטאלץ.

ווען די פריערדיגע רב פון קראלי, הרב שאול בראך זצ"ל (קאשוי רב) איז אמאל געקומען באזוכן קראלי, האט ער זיך אויסגעדרוקט, "איך דערקען נישט קראלי. די נייע רב האט זייער פיל אויפגעטוען דא."

ווען דער רבי האט חתונה געמאכט זיין יונגסטע טאכטער איז געווען א יום טוב אין שטאט. דאס איז געווען די גרעסטע חתונה וואס קראלי האט נאר אמאל צוגעזען. די צייטונגען האבן עס באריכטעט אלץ א קעניגליכע חתונה. טויזנטער געסט און חשוב'ע רבנים זענען געקומען אנטייל נעמען אין די גרויסע שמחה. עס זענען אויך געקומען פילע געסט פון ארץ ישראל און זיך געבעטן ביים רבי'ן אז ער זאל זיי באזוכן כדי זיי צו מחזק זיין קעגן די נייע ווינטן פון די ציונים. (עס האט זיך דאן אנגעהויבן די באוועגונג.)

אין יענע תקופה איז דער רב פון עדה החרדית, הרב ר' יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, נפטר געווארן. די אידן פון ירושלים האבן באשלאסן אז דער רבי איז ראוי און פאסיג איבערצונעמען דאס ארט אלץ ירושלימ'ער רב. דעריבער האבן זיי געשריבן פילע בריוו אז דער רבי זאל זיי קומען באזוכן און זיי האבן געקלערט אז ווען דער רבי וועט דארט זיין וועלן זיי אים שוין בעטן דארט צו בלייבן.

דער רבי האט טאקע אנגענומען די בקשה פאר א באזוך. ער האט אבער נישט געוואוסט די כוונה פון די אידן פון ירושלים.

אין יענע צייטן איז ארץ ישראל (פאלעסטינע) נאך געווען אונטער די בריטישע קעניגרייך. א גאר גרויסע עולם מיט ספעציעלע סעקיוריטי האט אפגעווארט דעם רבי'ן ביים פארט. ווי נאר מען האט דערזען דעם רבי'ן'ס שיף פונדערווייטנס האבן אלע אידן אויסגעבראכן אין פרייד געזאנגען מיט א התעוררות און שמחה. מענער, פרויען און יונגע קינדער האבן זיך געשטופט אין די גאסן צו כאפן א בליק פון זיין הייליגע צורה.

ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין ירושלים האט מען אים געטראגן צום כותל המערבי. זיינע טרערן זענען פריי געפלאסן אויף זיין הייליגע געזיכט בשעת ער האט געקלאגט אויפ'ן חורבן. אויפן וועג צוריק זענען די גאסן געווען באדעקט מיט מענטשן וועלכע האבן געהאפט צו כאפן א



בליק פון זיין הייליגע פנים.

דורכאויס זיין באזוך האבן מענטשן געהאלטן אין איין קומען און בעטן דעם רבי'ן צו בלייבן אין ירושלים און אננעמען די רבנות שטעלע. אבער צו זייער אנטוישונג האט זיי דער רבי מיט וויטאג אפגעזאגט. ער האט געשפירט אז ער דארף צוריקגיין צו זיינע ברידער אין חוץ לארץ. זיין תפקיד ליגט אין חוץ לארץ. דער רבי איז אבער געבליבן שטארק געבינדן צו ארץ ישראל אלע זיינע יארן, און אלעמאל געשטיצט עניי ארץ ישראל מיט זיינע צדקות.

אינצווישן איז דער רב אין סאטמאר נפטר געווארן. די ארטיגע אידן האבן זיך נאך שטארק געבענקט נאך דעם רבי'ן. און זיי האבן זיך אויסגעדרוקט אז זיי ווילן דער קראלי רב זאל ווערן זייער רב. עס זענען אבער דארט געווען אידן וועלכע זענען נישט געווען געניינגט צו חסידות און זיי האבן נישט געוואלט דעם קראלי רב אלץ זייער שטאטס רב.

דעריבער האט מען געמאכט וואלן און מען האט געזען אז א גרויסע מערהייט וויל האבן דעם קראלי רב אלס זייער רב. דערנאך האבן זיי געשיקט א דעלעגאציע צום קראלי רב און דאסמאל האט דער רב אנגענומען די פארשלאג און ער האט זיך אריבערגעצויגן קיין סאטמאר.

## רב אין סאטמאר

די שטאט קראלי האט געפלאנט צו מאכן א גרויסע סעודה לכבוד דאס אוועקגיין פון זייער הייליגע רב און דער שטאט סאטמאר האט זיך געגרישט אויף א גרויסע ברוך הבא פאר'ן נייעם רב. אבער דער רב האט זיי ביידע אויסגעשפילט. ער איז ארויס פריער ווי געפלאנט פון קראלי און אנגעקומען פריער ווי געפלאנט אין סאטמאר אינמיטן די נאכט. ווען די אידן פון סאטמאר זענען אויפגעשטאנען אינדערפרי, איז שוין דער נייער רב געווען גרייט צו ארבעטן פאר די קהילה. אזוי שטארק איז דער רבי אנטלאפן פון כבוד... אבער דער כבוד איז אים דאך נאכגעלאפן...!

אין יאר תרצ"ז (1937) איז דער קעניג קארעל אדורכגעפארן די שטאט סאטמאר. די קעניגליכע דעלעגאציע האט אפגעמאכט אז דער קעניג וועט זיך אפשטעלן אויף א קורצע ווילע אויף די פלאטפארמע אין שטאט סאטמאר און באגריסן די מאסן. מען האט דארט אויפגעבויעט א הערליכע סטעיזש, אן אויפנאמע ווי עס פאסט פאר א קעניג. אויך האט מען געלאדנט אלע חשוב'ע רעגירונגס מענטשן פון שטאט און להבדיל די אידישע רבנים פון שטאט. דער סאטמאר רב האט זיך אויך געשטעלט דארט, אבער ער האט זיך אריינגערוקט ערגעץ טיף אינעם צווייטן רייע אזוי אז מען זאל אים נישט באמערקן. אבער ווי נאר דער קעניג איז אראפ פון באן און זיך ארומגעקוקט אויף דעם עולם, איז זיין בליק געפאלן דייקא אויף דעם אידישן רב, וועלכע האט דאן געהאלטן אינמיטן מאכן די ברכה וואס מען מאכט ווען מען זעט א קעניג. דער קעניג האט נישט געקענט אראפנעמען זיין בליק פון די הייליגע צורה. דער קעניג האט דאן צושפאצירט צום סאטמאר רב און אים געגעבן שלום דאס ערשטע, פאר אלע הויפט לייט און נאך פאר אלע חשוב'ע מענטשן...

די שטאט סאטמאר האט פארמאגט בערך 15,000 אידן. עס איז געווען פון די גרעסטע אידישע שטעט פון אונגארן-ראמעניע. אויך אין סאטמאר האט דער רבי אויפגעשטעלט א ישיבה. פיל אידן פון קראלי האבן נישט געקענט אויסהאלטן אן דעם רבי'ן און זיי האבן זיך צאמגעפאקט זייער האב און גוטס און זיך אריבערגעצויגן קיין סאטמאר. אויך זענען מיטגעקומען מיט אים 200 בחורים. זייער שנעל איז די שטאט סאטמאר מיט איר ישיבה געווארן בארימט איבער די וועלט אלץ איינע פון די גרעסטע ישיבות אין אייראפע.

אין שבט תרצ"ט איז די חשוב'ע רעביצין נפטר געווארן. דער רבי איז געווען מיט איר ביי די גרעסטע דאקטוירים אבער דער גזר דין איז שוין געווען פארזיגלט. דער רבי האט מיט טרערן מספיד געווען און געבעטן די רעביצין זאל דארט אויבן מתפלל זיין פאר די אידן וועלכע דארפן א ישועה. (מען האט שוין געשמעקט די שוידערליכע לופט פון די דייטשן ימ"ש.)

צוויי יאר שפעטער האט דער רבי זי"ע חתונה געהאט מיט די רעביצין אלטא פייגא. רעביצין אלטא פייגא ע"ה איז געווען זייער געטריי און איז גרייט געווען אוועקצוגעבן איר לעבן פאר אים.

### די צווייטע וועלט מלחמה

דערווייל האבן די נאציס ימ"ש אנגעהויבן צו הייבן די קעפ און אנטי-סעמיטיזים האט זיך אנגעהויבן צו שפירן איבער די לאנד.

ווען די ביטערע קריג האט אויסגעבראכן איז דער רבי געווען פארנומען העלפן אידן זיך צו ראטעווען, אריינגענומען פליטים און איינגעריסן וועלטן. דער רבי האט זיך אריינגעלייגט אין א סכנה צו קענען העלפן אנדערע אידן און אפילו מען האט אים אנגעטראגן צו אנטלויפן, האט ער נישט געוואלט, כדי נישט צו לאזן די אידן אליינס אויפן וואסער. ביז די לעצטע מינוט, ווען די מצב איז געווארן אומדערטרעגליך איז דער רבי דארט געבליבן און פרובירט צו ראטעווען וואס מער אידן.

**ווי נאר דער קעניג איז אראפ פון באן און זיך ארומגעקוקט אויף דעם עולם, איז זיין בליק געפאלן דייקא אויף דעם אידישן רב.**

נאך פסח תש"ד (1944) איז אנגעקומען די ידיעה אז די דייטשן ימ"ש וועלן צוזאמנעמען אלע סאטמערע אידן און זיי אוועקפירן רח"ל. דער רבי האט דאן געזען אז עס איז שוין נישט פארהאן קיין צווייטע ברירה נאר צו אנטלויפן.

ווי באקאנט האט דער צדיק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל געבלוטיגט און געהארעוועט צו ארויסראטעווען ווי מער אידן ארויס פון די דייטשע נעגל. די דייטשן ימ"ש זענען ביים סוף קריג

געווען זייער געדרוקט אין געלט און זיי האבן אנגעטראגן פאר רבי מיכאל בער אז זיי זענען גרייט צו "פארקויפן" די אידן פאר $2 א קאפ. די פלאן איז געווען אז זיי וועלן באפרייען א "מיליאן אידן". רבי מיכאל בער האט שוין געהאט אויפגעטריבן א חלק פון די געלט ($224,000), און מען האט אויסגעלייזט א חלק מענטשן. דא האבן זיך אבער די ציונים דערוואוסט דערפון און זיי האבן זיך שנעל אריינגערוקט און צוגעשטעלט געלט אז מען זאל אויסלייזן נאר "זייערע מענטשן" פושעים און רקים וואס האבן זיי געהאלפן בויען די מדינה הטמאה.

אין חודש אדר תש"ד, האט רבי מיכאל בער זצ"ל געהאט א פלאן פון פריער צו ראטעווען דעם סאטמאר רב אינאיינעם מיט הרה"ק רבי שלום אליעזר ראצפערט זצ"ל, אבער די פלאן האט געדארט גיין דורך די ציונים, די געלט האט געדארפט גיין פאר זייער "קרן קיימת" און דער רבי האט זיך געדארפט איינשרייבן אלץ א מיטגליד פון זייער וועד העולמי. אויף דעם איז דער רבי בשום אופן נישט איינגעגאנגען און די פלאן איז צונישט געווארן.

**ווי איינער פון זייערע פירערס האבן זיך אויסגעדרוקט, "איין קו אין פאליסטינע איז אונז וויכטיגער ווי אלע אידן פון אונגארן, רח"ל."**

אין חודש אייר פון יענע יאר האט אייכמאן ימ"ש גערופן א שליח, יואל בראנד און אים געהייסן פארן קיין אינסטאנבול, טערקיי, און דארט זאל ער אנפרעגן ביי די הויפטן פון די ציוניסטישע באוועגונג אויב זיי ווילן געבן סחורה (פאר די מלחמה) אין אויסטויש פאר 100,000 אידן. די נאציס זענען געווען אזוי געדרוקט און האבן דריגענד געדארפט די סחורה אז דער רשע האט אפילו מסכים געווען צו באפרייען די אידן נאך איידער די סחורה קומט אן. אייכמאן האט אפגעהאלטן 100,000 אידן אין עסטרייך גרייט זיי צו באפרייען ווי נאר ער הערט אן "אקעי" פון די ציוניסטישע הויפטן. צוויי וואכן האט אייכמאן געווארט.

די ציונים האבן ארומגעשלעפט מיט דעם שליח און געמאכט זיכער אים צו ארעסטירן און אזוי איז ער נישט צוריקגעקומען צום רשע אייכמאן. ווען דער רשע האט געזען אז דער שליח איז פארשוואונדן (ער האט דאך נישט געוואוסט וואס האט פאסירט מיט אים) איז ער געווארן מלא כעס אז די אידן שפילן ארום מיט אים, און אלץ נקמה האט ער געשיקט 434,000 צו זייער טויט רח"ל הי"ד. די ציונים האבן געהאט אן אינטערעס אז עס זאל זיך גיסן אסאך אידיש בלוט, ווייל אזוי וועט די וועלט שפעטער רחמנות האבן און זיי נאכגעבן דאס פארלאנג פאר אן אייגענע מדינה (וואס האט ליידער געארבעט). ווי באקאנט האבן זיי געשריגן און געשריבן, "כי רק בדם תהי' לנו ארץ!" און ווי איינער פון זייערע פירערס האבן זיך אויסגעדרוקט, "איין קו אין פאליסטינע איז אונז וויכטיגער ווי אלע אידן פון אונגארן, רח"ל."

ט' אייר איז די מצב אין סאטמאר שוין געווען גאר אנגעצויגן און עס איז באשטימט געווארן אז דער רבי מוז אנטלויפן. די נאציס האבן ספעציעל געלאקערט אויף די רבנים און עס איז געווען א סכנה יעדן טאג פאר'ן רבי'ן. די פלאן איז געווען אז דער רבי מיט די רעביצין, ווי אויך זיין געטרייע גבאי ר' יוסף אשכנזי, מיט נאך אפאר מענטשן וועלן ארויספארן מיט אן אמבולאנס פון רויטן קרייץ, כאילו מען גייט אין שפיטאל, און אזוי אנטלויפן קיין קלויזענבורג און פון דארט ווייטער שווערצן. דער גוי וואס האט געפירט דעם אמבולאנס האט אריינגעלאזט בלויז צען מענטשן.

אבער ווען די ידיעה איז ארויס אז דער רבי פארט זענען זיך צוזאמגעלאפן א געוואלד מיט מענטשן און יעדער האט זיך פרובירט אריינצושטופן אין טראק. עס איז געווען א איד מיט'ן נאמען ר' יוסף מאיר גליק ע"ה. ער האט געדארפט זיין די וועג ווייזער, צו זאגן וואו מען דארף אראפגיין אין קלויזענבורג, אבער צוליב די בהלה און געדרענג האט מען אים אוועקגעשטופט און דער גוי האט מיט שרעק פארשלאסן די טיר, און דער ר' יוסף מאיר איז געבליבן אין סאטמאר.

דער אמבולאנס קומט אן אינמיטן נאכט אין קלויזענבורג, און דער דרייווער פרעגט, "וואו לייג איך אייך אראפ?" דער עולם זוכט ר' יוסף מאיר אבער ער איז נישטא. עס איז אנטשטאנען א בהלה, אבער מען האט נישט געוואוסט וואס צו טון. דער גוי האט אנגעהויבן ווערן אומרואיג און די חסידים האבן אנגעהויבן אריינרוקן געלט אז ער זאל שטיל ווערן. אבער עס איז אריבער א שעה און א שעה און עס הייבט שוין באלד אן טאגן. דער גוי האט געוואוסט אז זיין לעבן איז אין א סכנה, האט ער זיך אפגעשטעלט און געשריגן צו די אידן. "גייטס אלע ארויס די מינוט, אויב נישט שיס איך ענק אלע אויס."

די אידן האבן נישט געהאט קיין ברירה און זענען ארויס אויף די קלויזענבורגער הויפט גאס. עס האט דאן אנגעהויבן טאגן און די גאסן זענען געווען פול מיט נאציס. עס האט נישט גענומען מער ווי געציילטע מינוטן און מען האט זיי אלע ארעסטירט.

די אידן זענען געזעצן אין תפיסה מיט'ן רבי'ן און געבעטן דעם אייבערשטן אן עצה וויאזוי מ'קען לאזן וויסן פאר די אידן פון קלויזענבורג אז דער סאטמאר רב איז אין תפיסה. ביז עס איז איינעם איינגעפאלן אז מען זאל אויפהייבן דעם רבי'ן און לייגן זיין פנים ביים קליינעם פענסטער און אפשר וועט א איד אריבערגיין און דערקענען דעם רבי'ן און מען וועט זיך משתדל זיין אים צו ראטעווען.

די פלאן האט געארבעט. א איד פון קלויזענבורג האט אים באמערקט




און אלאמירט די אידן אז דער סאטמאר רב זיצט אין תפיסה. די אידן האבן אונטערגעשמירט די פאליציי און מיט גרויס סייעתא דשמיא האט מען באפרייט דעם רבין.

פון תפיסה האט מען אים געטראגן צום געטא אויסער'ן שטאט. דארט האט מען צעדרוקט פופציג משפחות אין באראקן וואס האבן נישט געהאט קיין ווענט, נאר א דאך, ניטאמאל אן אויסגעפלאסטערטע ערד. די באדינגונגן זענען געווען שרעקליך און דער רבי האט אין יענע צייטן זיך שטארק מצער געווען אויף צרות ישראל.

ווידער האבן די חרדי'שע אידן פראבירט צו ראטעווען ערליכע אידן פון די דייטשע נעגל און זיי האבן שוין אויסגעארבעט מיט די רשעים א פלאן אז זיי וועלן זיי נאכגעבן א באן פון טויזענט אידן. אבער ווידער האבן די פינסטערע ציונים זיך דא אריינגעמישט און האבן זיך פארגעשטעלט פאר די רשעים אז זיי זענען גאר די פארטרעטער פון די אידן און אנשטאט צו ראטעווען טויזענט רבנים און פירערס פאר די עתיד פון כלל ישראל האבן זיי אנגעפולט די באן מיט אפיקורסים און ציונים.

## קאסטנאר טראנספארט

דאס איז געווען די באקאנטע "קאסטנאר טראנספארט" (ווי באשריבן באריכות אין די בלעטל פאריגע יאר כ"א כסלו). דר. פישער דער שווער פון די קאנדאקטער קאסטנער האט געהאט א חלום עטליכע טעג איידער דער באן איז ארויסגעפארן. ער האט זיך גע'חלומ'ט איבער און איבער ווי זיין פארשטארבענע מאמע קומט אים ווארענען און זאגן, "עס איז דא א איד יואל טייטלבוים. מאך זיכער אז ער גייט ארויף אויפ'ן באן, אויב נישט וועט זיך עס ענדיגן טראגיש."

נאכן חלומ'ען די זעלבע חלום איבער און איבער, האט דר. פישער זיך געווענדט צו זיין איידעם און זיכער געמאכט אז דער רבי גייט ארויף אויף זיין באן.

ענדליך האט זיך דער באן מיטן רבי'ן ארויסגעלאזט קיין שווייץ (וואס איז נישט געווען פארמישט אין די מלחמה). צום ערשט איז עס געפארן קיין בודאפעסט. דערנאך האט מען זיך ווידער ארויסגעלאזט קיין עסטרייך. ערגעץ אינצווישן איז אנגעקומען די ידיעה אז דער רשע אייכמאן ימ"ש האט געהייסן טוישן די פלענער און אנשטאט צו פארן קיין "אויספיץ" זאל ער עס פירן קיין "אוישוויץ." צוויי טעג האבן די מענטשן אויפן באן געציטערט אימת מות אבער צום סוף האט דער אייבערשטער געהאלפן און די באן איז ווייטער געפארן לויט די אריגינעלע פלאן קיין עסטרייך.

## כ"א כסלו

נאך צען טעג איז די באן אנגעקומען קיין בערגן בעלזן. אפאר חדשים האט מען זיי אויפגעהאלטן אין א לאגער. דער רבי האט אסאך געליטן דארט. ענדליך אין חודש כסלו איז געקומען די ידיעה אז מען גייט שוין אט ווערן באפרייט. מען דארף נאך פארן אויף איין באן און מען קומט שוין אן קיין שווייץ. י"ט כסלו איז די באן ארויסגעפארן פון בערגן בעלזן און אנגעהויבן פארן קיין שווייץ. און ווידער האט דער שטן זיך אריינגעמישט. עטליכע מינוט איידער זיי זענען אדורכגעפארן דעם גרעניץ צום ענטגילטיגן פרייהייט, איז ווידער געקומען א באפעל פון דייטשלאנד מיט

א דרינגענדע מעלדונג, "שוין אויסדרייען די באן אויף צוריק." וואס דאס האט פארשטייט זיך באדייט דאס ערגסטע. דער אייבערשטער האט אבער געהאלפן און דער קאנדאקטער האט פאר סיי וועלכע סיבה באשלאסן צו איגנארירן דעם טעלעגראם און איז אריבערגעפלויגן דעם גרעניץ. ער האט שפעטער געשיקט א טעלעגראם צו זיינע אויבערהארן אז די מעלדונג איז אנגעקומען א מינוט צו שפעט, פונקט ווען ער איז שוין געווען "נאך די גרעניץ" עס איז מער נישט געווען שייך צוריקצודרייען. דער טאג איז געווען כ"א כסלו.

בשעת מען איז אריבער די גרעניץ האט דער רבי זי"ע געהאלטן אינמיטן תהלים ביים פסוק: בְּךָ בָּטְחוּ אֲבֹתֵינוּ בָּטְחוּ וַתְּפַלְּטֵמוֹ. דער רבי זי"ע האט דאס איבערגעזאגט און איבערגעזאגט און דאן פארפאסט די באקאנטע ניגון וואס סאטמארע אידן זינגען יעדעס יאר ביים סעודת הודאה כ"א כסלו.

...

פון די מינוט וואס דער רבי איז באפרייט געווארן האט ער אנגעהויבן מחזק זיין אנדערע אידן. ער האט מחזק געווען אידן צו לערנען און זיך שטארקן אין תורה.

ווען די מלחמה האט זיך ענדליך געענדיגט איז דער רבי געווארן ווי א טאטע צו די צובראכענע אידן. ער האט זיי אויסגעהערט, געהאלפן, געמאכט שידוכים און האט עוסק געווען אין ראטעווען אידישע קינדערלעך וועלכע זענען געווען באהאלטן ביי גוי'שע משפחות.

נאך אפאר חדשים האט די שווייצער רעגירונג געלייגט דרוק אויף די אלע אידן מיט דעם רבין אינאיינעם צו גיין ווייטער, עס האט צופיל אנגעלייגט זייער לאנד. דער רבי האט זייער געוואלט גיין אויף ארץ ישראל ווי זיין אייניציגסטע פארבליבענע טאכטער, חי' רויזא, האט געלעבט. אבער די ציוניסטישע ארגאנאזאציעס האבן, פארשטייט זיך, נישט געוואלט דעם צדיק דארט. זיי האבן געוואוסט אז דער צדיק וועט זיי נאר אנמאכן פראבלעמען.

זעענדיג אז ער האט שוועריגקייטן צו גיין קיין ארץ ישראל האט דער רבי זיך געווענדט קיין אמעריקא און געבעטן א וויזע צו קענען אריינקומען. אפאר טעג שפעטער האט מען אים געענטפערט פון פאלעסטינע (ארץ ישראל) אז מען וועט אים יא אריינלאזן. דער רבי האט זיך זייער געפריידט צו די פארשלאג און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. אביסל פאר ראש השנה איז די שיף אנגעקומען צו חיפה.

## אין ארץ ישראל נאך די מלחמה

א ריזיגע ציבור איז זיך צוזאמגעקומען מקבל פנים זיין דעם רבי'ן. ניגונים און התעוררות האט געשוועבט אין די לופט בשעת די אידן האבן דערזען דעם הייליגן געזיכט. דער רבי האט זיך אביסל אפגערוהט אין חיפה און זיך גלייך ארויסגעלאזט קיין ירושלים.

ווי נאר דער רבי איז אראפ פון באן זענען מאסן מענטשן געלאפן פאראויס אים באגריסן. די פאליציי האט זיי געמוזט אפהאלטן אז עס זאל נישט צוקומען צו א מצב סכנה. דער רבי איז געגאנגען באזוכן זיין טאכטער.

דערנאך האט זיך דער רבי אינאיינעם מיט זיין רעביצין אריינגעווארפן מיט'ן גאנצן לעבן צו העלפן אלע צובראכענע נשמות. דער רבי האט זיי מחזק געווען, געהאלפן, געלערנט מיט זיי און געמאכט שידוכים צווישן זיי. אזוי איז אריבער א יאר צייט. דורכאויס די תקופה איז מען פיל געקומען איבערשמועסן מיט'ן רבי'ן די ענין פון די ציונים, וועלכע האבן דאן געהאלטן אינמיטן גרינדן די מדינה.

אינצווישן האבן די ירושלים'ער אידן אויך געהערט ווי דער רבי העלפט אזויפיל אידן זענען זיי אויך געקומען צום רבי'ן מיט זייער פעקל פראבלעמען. דער רבי האט זיך דערזען מיט אזויפיל צרות ישראל אבער נישט גענוג געלט צו העלפן. האבן אים זיינע נאנטע געראטן אז ער זאל פארן קיין אמעריקע אויף א שטיק צייט צו מאכן געלט פאר די אידן פון ארץ ישראל. דער



רבי האט מסכים געווען.

אבער ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט איז עס נישט געווען א באזוך...

## פארט קיין אמעריקא

דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע מוצאי ראש השנה און מען האט אים געטראגן קיין וויליאמסבורג. דער ערשטער שמחת תורה האט ער געפראוועט אויף סאויט אכט, ווי עס איז דאן געווען א סעמינאר פאר בית יעקב לערערינס.

אזוי איז דער רבי פארבליבן נאך יום טוב מיט'ן פלאן צוריקצופארן ווי נאר ער וועט מאכן גענוג געלט. אבער פון הימל האט מען אנדערש געוואלט און די געלט איז נישט געקומען און דערוויל איז דער רבי פארבליבן אין וויליאמסבורג ביי זיין חסיד הרב מרדכי פליישמאן ע"ה.

אין יענע תקופה איז די ציוניסטישע מדינה געגרינדעט געווארן און דער רבי האט געוואוסט אז עס איז נישט קיין פלאץ און צייט פאר אים צוריקצוגיין.

יענעם זומער איז דער רבי געווען אינאיינעם מיט ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל אין די נייטרא ישיבה. עס איז דא אסאך אינטערעסאנטע שטיקלעך היסטאריע פון יענע תקופה. נאכ'ן זומער איז ער צוריקגעקומען קיין וויליאמסבורג. פילע סאטמארע חסידים האבן אנגעהויבן ווערן צוגעצויגן צו אים און זיך געקלאמערט ארום אים.

א שטריימל אין גאס איז אין יענע צייטן געווען ממש אומדערהערט. אבער דער רבי מיט זיין שטארקייט האט זיך נישט דערשראקן. איינמאל איז דער רבי געווען אין גאס מיט ר' יוסל אשכנזי ז"ל און הרב צבי אביגדור פעקעטע ע"ה. עס איז געווען שבת און דער רבי אינאיינעם מיט הרב צבי אביגדור זענען געגאנגען אנגעטוען מיט'ן שטריימל אבער דער גבאי נישט. פלוצלינג האבן זיי געזען אפאר יוגענטליכע לאכן שטארק. האט זיך דער גבאי אנגערופן, "זיי לאכן פונעם רבי'ן מיט'ן שטריימל." האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א שמייכל, "ניין, זיי לאכן פון דיר. זיי זעען צוויי אידן מיט א שטריימל און איינער נישט!"

דעם רבי'ן'ס חסידים האבן עס צוביסלעך נאכגעמאכט און די חסידי'שע לבוש האט זיך אנגעהויבן אנצוזען אויף די אמעריקאנער גאסן. מען האט דאן געקויפט די הויז אויף 500 בעדפארד עוו., (קארנער קליימער), אלץ די ערשטע הויז פונעם רבי'ן. אויך איז דארט געווען א בית המדרש.

דער רבי איז אבער נישט געווען צופרידן, ער האט געוואלט א ישיבה. די אידן אין אמעריקע האבן אים אבער געזאגט "נישט אין אמעריקע" אבער דער רבי האט נישט פארשטאנען. "וואו דען?"

## מ'עפנט א חדר

איין שיינעם טאג האט דער רבי צוזאמגערופן אפאר חסידים און זיי געזאגט אז נעקסטע וואך עפנט ער א חדר און ער בעט אז מען זאל אהינשיקן די קינדער. די חדר איז געווען אויף דריגס עוו. און די ערשטע מלמד איז געווען הרב יודל ראזענבערג ע"ה. די מלמד האט געהאט אכט תלמידים!

דער מנהיג איז נישט דערשראקן געווארן, דער רבי האט געזען א עתיד ביז אפאר יאר איז די חדר געוואקסן אויף אן אויסטערלישן פארנעם און געהאט אפאר קלאסן אין יעדע כתה.

דערנאך האט מען זיך גענומען צו די מיידל שולע. דאס איז געווען א גרויסע אונטערנעמונג ווייל עס איז נאכנישט געווען קיין חסיד'ישע מיידל סקולס פאר'ן קריג. און ער האט געגרינדעט א בית רחל.

ווען די קינדערלעך פון חדר זענען אויפגעוואקסן האט דער רבי געעפנט א ישיבה, "מתיבתא תורה ויראה" .

אזוי האט זיך געבויעט און געבויעט אידישקייט קעגן די "נביאות" פון די אלץ ווייסערס אז "היינט איז אנדערש."

## קרית יואל

שפעטערע יארן האט דער רבי זי"ע געגרינדעט דעם ישוב קרית יואל וועלנדיג אז זיינע חסידים זאלן האבן א ריין ווינקל אויסער'ן שטאט צו קענען מחנך זיין די דורות צו תורה ויראת שמים, וואס פון דעם אליין קען מען באשרייבן א לענגערע ארטיקל.

מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן פאר'ן אראפשיקן בכל דור ודור צדיקים וואס ווייזן אונז אן די וועג זיך צו קלאמערן צום באשעפער.

עס איז באקאנט ביי חסידי סאטמאר אז ווען דער = רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע האט ער זיך אויסגעדרוקט אז ער זעט אז אין אמעריקע וועט מען זיך נאר קענען האלטן מיט די התחזקות פון הרה"ק מברסלב זי"ע. אויך איז באקאנט אז דער רבי זי"ע האט אסאך געלערנט דעם רבי'ן'ס ספרים און געהייסן אריינדרוקן אין אלע דברי יואל תהלים'ס די תיקון הכללי פון ברסלב'ע רבי'ן.

אזוי אויך ווייסן מיר דעם סיפור אז ווען די רבי פון די מתנגדים אויפ'ן הייליגן רבי איז אמאל געקומען אויף א באזוך צום רבי'ן, איז געווען דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן אויפ'ן טיש. יענער רבי האט זיך אויסגעדרוקט מיט וואונדער, "איר לערנט דעם ספר? ביי אונז האט מען נישט געלערנט דאס." אויף וואס דער רבי זי"ע האט געענטפערט, "ביי אונז האט מען עס געלערנט."

אין זיין הייליגן ספר ויואל משה ברענגט דער רבי אראפ א שטיקל פון הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן. (די שטיקל וואו דער הייליגער רבי שרייבט אז עס וועט גיין א מבול פון אפיקורסוס אויף די וועלט איידער משיח וועט קומען. דער רבי ברענגט דארט די משל מיטן קעניג, וואס די גענעראלן האבן אים פארלאזט און נאר דער פויער האט רחמנות געהאט און אריינגענומען דעם קעניג וכו'.)

אשרינו, וואויל איז אונז אז מיר קלאמערן זיך צו די וועג פון צדיקים אזויווי ערליכע אידן אין אלע דורות וואס האבן געזוכט צו זיין דבוק צו צדיקים וואס ברענגען אונז צום אייבערשטן. מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן אז אונז און אונזערע דורות זאלן האבן די זכי' צו קענען בלייבן מקושר מיט צדיקים און ערליכע אידן כל ימי חיי, הערן און פאלגן די ליכטיגע עצות פון צדיקי אמת, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו מקבל זיין פני משיח צדיקנו. אמן.


You deserve
a new one.
Or two.
dominogrp.com
PRIMROSE
fashionable headwear
By app
347.768.4012
Don't Miss Our Chanukah Sale
up to
30%
off


פאר די
ברסלב'ע
שטוב
ווייל יעדער
טוט אזוי
ש. טראכטער
נאכמאל און
נאכמאל און
נאך איין מאל
ש. ל. פליישמאן
א קאר
סערוויס
אין די שניי
הער א מעשה
Recipe
Potato Dreidels

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Breslevofficeliberty@gmail.com

## א פרוי פון
### קרית יואל

עס האט מיר געכאפט א תשוקה צו גיין צום ציון פון ריבניץ. אין מיין קאפ האב איך נישט געקענט טראכטן ווי אזוי איך וועל אנקומען. איך דארף גיין צופרי׳ עס זאל נישט אוועקנעמען צייט פון מיין מאן און קינדער. א טעקסי׳ קאסט אסאך געלד און א באס מיינט גיין זייער אסאך צו און פון די באס סטאפ און איך פיל אז ס׳איז מיר צו שווער.

איך האב עס אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן, מיין רצון און אויך די פרטים און געבעטן ער זאל מיר העלפן. שכח אייבערשטער עס איז מיר בייגעפאלן צו פרעגן נאך אפאר פרויען פון אנשי שלומינו אין קרית יואל אויב זיי ווילן זיך צאמשטעלן מיט א קאר.

ס׳האט טאקע גענומען צייט ארומצורופן יעדן איינעם אבער ברוך השם עס האט זיך גוט אויסגעארבעט. מיר האבן זיך געקענט אויסבעטן ביים ציון נאך פאר עס קומט א צרה לא עלינו פשוט בעטן און גלייבן אז מ׳האט זיכער באקומען ישועות. שכח אייבערשטער.

באזאר שטייט נישט אויף טבע, נאר אויף תפילה און אויף ניסים, אזוי אויך זאל דער אייבערשעטער יעצט ווייזן ניסים.

שכח אייבערשטער איך האב זיך שנעל געמאכט גרייט און ווען מיין מאן האט געטראגן די קינדער צום סקול און חדר האט ער מיר אויך געקענט טראגן צו העלפן אין באזאר. עס איז מיר געווען גאנץ שווער זיך צו טרעפן אליין אין א ים פון ארבעט. נאך צוויי פרויען זענען געשטאנען ביי זיך אינדערהיים און נאכנישט אויפגעגעבן און געבעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן א וועג, נאך גאנץ אסאך תפילה האבן זיי געטראפן א קאר סערוויס וואס איז געווען גרייט צו מאכן די טריפ.

ברוך השם מ׳האט אנגעיאגט ארויסצולייגן אסאך שיינע קליידער. דערווייל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אויף א וועג אהיים און דערווייל איז אויך די שניי געווארן העכער און שענער.

שכח אייבערשטער ווען ס׳איז געווען די צייט אהיימצוגיין איז איינער געווען גרייט צו טון א קאר סערוויס טריפ און יעדער איז אנגעקומען אינדערהיים בשלום. אז מ׳העלפט פאר דער רבי׳ זעט מען אלעמאל ווי דער אייבערשטער העלפט.

## ל. וועבערמאן
### קרית ברסלב

די קינדער זענען גאר פרייליך צו אויפשטיין און זען אז אלעס איז ווייס. די שניי פאלט זיך אזוי רוהיג. פאר מיר איז אבער זייער וויכטיג אז מ׳זאל נישט פארפאסן א וויכטיגע טאג פון ארבעט אין באזאר, ווייל ס׳איז דא אזויפיל זאכן וואס ווארטן אין די רייע צו געטון ווערן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז אזוי ווי די גאנצע

## ג. כ
### ארץ ישראל

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן קויפן א ספרים שאפע, טיש און בענקלעך, און ס׳זאל זיין שיין און נישט קאסטן טייער. שכח אייבישטער אז איך האב גלייך עס און אז ס׳האט געקאסט ביליג!

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך גערענק.

## נאכאמאל און נאכאמאל און נאך איין מאל

וויפיל איז דער שיעור,
א לעסאן נאך לעסאן,
גאנצע טעג לערנען מיר,
און נאכאמאל פארגעסן...?!

וויפיל מיינסטו קען איך,
דיר זאגן אזוי סאך...!
א באנטש צייט פארברענ איך,
פארשטייסט נישט די אידישע
שפראך?

טעגליך איך דערמאן עס,
און ווי גארנישט כאילו...
אין מיין מח טענות,
עס קוקט אויס עכט silly...

פון איין אויער אריין,
פון די צווייטע ארויס.
ווען וועלן זיי שוין זיין,
וואויל, mature, און גרויס...

***

דער ראש ישיבה געבט אונז
שיעורים,
וועכנטליך.
הערליכע דיבורים,

וואך נאך וואך.
שמן זית זך.
טראפ נאך טראפ.

ווען וועט שוין די אויל,
די אויל פון אמונה,
ביי אונז געבן א פועל...
ווערן גוט און וואויל...

דער ראש ישיבה געבט נישט אויף,
enough is enough?
ניין.
טעגליך,
וועכנטליך,
נאך א שיעור ארויף,
אויף קול ברסלב.
(אפילו מיר בלייבן tough)
ווייל... סוף, סוף, סוף,
וועט ארייננטראפן,
אביסעלע טוב,
אונזער הארץ אויפשטאפן...

**נאכאמאל און נאכאמאל און נאך**
**איין מאל...**

האב איך נישט גענוג גערעדט,
אריין אין בעט!
נאכאמאל ער פארגעסט,
א ברכה פאר ער עסט.

וויפיל מאל קען איך זאגן:
"דער אייבערשטער לאזט נישט
שלאגן!"
איך רעד פעמים כמה וכמה...
ווען פאלגט מען שוין א מאמע?
מיט די rope נאך איין jump,
און איך רעד צום לאמפ...

**נאכאמאל און נאכאמאל און נאך**
**איין מאל...**

מיט א געדולדיגע חינוך,
וואוילע קינדער געווין איך.
מיט גוטן, מיט וואוילן,
צום סוף וועל איך פועלן.

"באשעפער געב מיר כח,
באשעפער געב מיר מח,
דיינע אוצרות אפצושאצן,
איך זאל אויף זיי נישט פלאצן.
איך זאל האבן סבלנות,
פאר דיינע לעכטיגע מתנות!"

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. טראכטער




# ווייל יעדער טוט אזוי

איך קען דאס נישט טון. איך האב צוגעזאגט פאר דיין מאמע!"

די ווערטער האט מיין עלטערע באבע ע"ה געזאגט פאר איר מאן אונטער די שוידערליכע אומשטענדן, בשעת זיי זענען אנטלאפן פון די דייטשע רשעים, אונטער פאלשע פאפירן און גוי'שע נעמען.

...

מיין עלטער באבע ע"ה איז געקומען פון די שטאט קאשוי, וואס איז געווען א שטאט, נישט א שטעטל. ווען איר שוויגער איז איר געקומען זען אלץ צוקומפטיגע כלה, האט זי געזארגט אויב דאס מיידל, וואס קומט פון א גרעסערע שטאט איז נישט מער מאדערן ווי די מיידלעך פון די ארומיגע דערפלעך.

נאכדעם וואס זיי האבן זיך נאכגעפרעגט און זיך געטראפן און עס האט נושא חן געווען פאר אלע צדדים, האט זיך די צוקומפטיגע שוויגער אנגערופן צו די יונגע מיידל.

"איך וויל זיך אויסנעמען מיט דיר איין זאך, איך וויל זיכער מאכן אז דו וועסט זיך שערן נאך די חתונה."

אויך ווען מיין באבע האט איר פארזיכערט אז זי וועט זיך געוויס שערן, איז די צוקומפטיגע שוויגער נאכנישט געווען צופרידן. "איך וויל דו זאלסט מיר עס צוזאגן. און איך וויל דיר זאגן אז דו זאלסט וויסן אז אויב דו וועסט זיך חלילה אמאל באשליסן נישט צו שערן, וועט דיר דיין מאן איבערלאזן."

מיין עלטער באבע, וועלכע איז געווען אן ערליך אידיש מיידל האט צוגעזאגט אז זי וועט זיך שערן איר גאנץ לעבן.

...

עס איז אריבער אפאר יאר. דאס פארפאלק האט נאכנישט זוכה געווען צו זרע של קיימא און אינצווישן האבן שווארצע וואלקענעס באדעקט די האריזאנט פון אייראפע. די רוצחים, די דייטשע רשעים האבן אריינגעטראטן מיט זייער בלוטיגע שטיוול און פארטיליגט דאס שענסטע און טייערסטע וואס כלל ישראל האט פארמאגט.

מיין עלטער זיידע און עלטער באבע האבן דאן פארשאפט גוי'שע פאפירן פון אן ארבעטער, און אזוי אונטער א גוי'שע נאמען האבן זיי זיך פרובירט ארויסצודרייען פון די נאצישע נעגל. אזויווי זיי האבן נאך נישט געהאט קיין קינדער איז זיי גרינגער געווען זיך צו שווערצן.

איין טאג האט מיין עלטער זיידע געזאגט פאר זיין ווייב. "די פאקט אז דו גייסט מיט א פארבינדענע קאפ, געט ארויס די סוד אז מיר זענען אידן. אפשר איז כדאי אז יעצט אין די ברענעדיגע טעג, זאלסטו זיך לאזן וואקסן די האר אז מען זאל מיינען אז דו ביסט נישט אידיש און דאן גלייך נאך די קריג וועסטו זיך אוודאי אפשערן צוריק ווי אן ערליכע אידישע פרוי. נאר יעצט איז עס א שאלה פון פיקוח נפש."

אבער מיין ערליכע באבע האט זיך נישט געבויגן און מיט די שטארקייט וואס נאר אידישע פרויען פארמאגן האט זי אים געזאגט, "איך האב צוגעזאגט פאר דיין מאמע אז איך וועל זיך אלעמאל שערן. איך וועל נישט אפלאזן די הייליגע זאך פון שערן אפילו עס וועט מיר קאסטן וואס עס וועט קאסטן. דיין מאמע האט מיר געזאגט אז אינעם טאג וואס איך הער זיך אויף צו שערן, וועט מיר מיין מאן איבערלאזן. איך קען נישט איינשטעלן."

זי האט אנגעהאלטן די הייליגע זאך פון זיך שערן אפילו אונטער די שווערסטע אומשטענדן. בדרך נס האבן זיי איבערגעלעבט די מלחמה און אויפגעשטעלט א שיינע ערליכע שטוב.

...

די מעשה האב איך זיך דערמאנט הושענא רבה, ווען ביי איינע פון די הקפות האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט מיט אזא התעוררות צו די אידישע פרויען אז מען זאל אפשערן די האר. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געבעטן אז מיר זאלן געדענקען אז שיין איז וואס די תורה זאגט אונז אז עס איז שיין. שיין איז וואס צדיקים זאגן. דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכדערציילט א מעשה וואס א איד האט אים דערציילט אז ווען זיין באבע איז אנגעקומען אין אוישוויץ און זי האט זיך ליידער געדארפט געזעגענען פון איר מאמע, ווען עמען דער מלאך המות האט געשיקט אויף לינקס, האט די אלטע מאמע געבעטן פון איר טאכטער איין זאך, "זאג מיר צו אז דו וועסט זיך שערן נאך די חתונה!"

> איך האב צוגעזאגט פאר דיין מאמע אז איך וועל זיך אלעמאל שערן. איך וועל נישט אפלאזן די הייליגע זאך פון שערן אפילו עס וועט מיר קאסטן וואס עס וועט קאסטן.

דאס האט מיר דאן דערמאנט די אויבנדערמאנטע מעשה מיט מיין באבע. גלייך נאך יום טוב, האב איך אנגערופן מיין באבע און איר געפרעגט די איינצלהייטן פון די מעשה. מיין באבע האט מיר איבערדערציילט די מעשה געשטיקט מיט טרערן און מיר געזאגט, "מיין מאמע האט מיר געזאגט אז די גאנצע דור וואס זי האט אויפגעשטעלט איז בלי ספק בזכות דעם וואס זי האט אנגעהאלטן די הייליגע זאך פון אפשערן די האר."

זי האט זיך נישט איינגעשטעלט מיט'ן אפשערן די האר, פארקערט זי וואלט איינגעשטעלט און דערלייגט מיט'ן זיך נישט אפשערן די האר, ווייל אין אדם שומע לי ומפסיד. עס איז נישטא דער מענטש וואס קען זאגן אז ער האט צוגעהערט צו דעם קול פון באשעפער און דערלייגט.

...

איינע פון די מתנות וואס איך האב באקומען אין היכל הקודש איז איינצוזען און שעצן די זכי' און די הייליגקייט פון זיך אפשערן די האר. ב"ה איך האב אלע יארן אנגעהאלטן די הייליגע זאך פון אפשערן די האר און עס איז מיר קיינמאל נישט אריינגעקומען א מחשבה צו טון אנדערש. אבער איך האב דאס געטון, "ווייל אזוי טוט מען." געוויס איז דאס אויך זייער א שיינע און טייערע זאך, און אידישקייט טוט מען נישט צוליב דעם וואס "איך האב א געפיל דערין."

אבער הערנדיג איינמאל און נאכאמאל די שטיקל זוהר הקדוש וואס דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז איבער די טייערקייט און גרויסקייט פון אפשערן די האר, און לייענענדיג אז די צייט איז א גרויסע עת רצון צו פועל'ן ישועות, האב איך באקומען א "אפרישיעשין" א באנייטע שעצונג צו די מצוה. היינט טו איך דאס מיט שמחה. א חבר'טע פון אנשי שלומינו האט מיר לעצטנס געזאגט די זעלבע זאך, אז זי איז שוין חתונה געהאט קרוב צו צוואנציג יאר, און זייט זי האט אנגעהויבן הערן די שיעורים שפירט זי א ספעציעלע שמחה און דערהויבנקייט יעדעס מאל וואס זי שערט די האר. זי איז דאן מתפלל אז זי מיט אירע דורות זאלן אלעמאל נאכגיין ערליכע אידן און זיך נישט רירן פון אונזער הייליגע מסורה.

ליידער בלאזן ווינטן היינט פון אלע זייטן. השקפות און שיטות פון לינקע און פון אנדערע קרייזן בלאזן אריין אויך אין

אונזער מחנה.

זייענדיג אויף אפרו נאך איינע פון מיינע קינדער, האב איך מיטגעהאלטן אז עס איז געווארן א העפטיגע טענה'דריי צווישן די פרויען אויב שערן די האר איז א חומרא אדער איז עס גאר "מנהג המקום", א מנהג פון די פלאץ וואו מען וואוינט. אלע פרויען האבן געהאט א שיטה און א דעה צו זאגן דערין. א ווייבל האט זיך אויסגעדרייט צו מיר. זי האט אויסגעזען דערשראקן. "איך פארשטיי נישט. מען "מוז" זיך נישט שערן? איך בין אינגאנצן צעמישט. די פרוי דארט אויף די אנדערע זייט זאגט אז עס איז נישט א זאך וואס יעדער טוט."

איך האב רחמנות געהאט אויף איר. איר בנין, איר לעבן, אירע יסודות האבן זיך אנגעהויבן וואקלען. זי האט געטון א זאך יארן ווייל... אזוי טוען אלע ארום איר

דאס דערמאנט א שיעור וואן דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט, "איך בין א איד ווייל די תורה הייסט! נישט ווייל דאס טוען אלע מענטשן וועלכע וואוינען ארום מיר! פארוואס בוי איך א סוכה? ווייל אזוי טוט יעדער אין וויליאמסבורג אדער אין די געגנט וו איך וואוין? און אויב וועל איך פארן אין א פלאץ וואו דער עולם בויעט נישט קיין סוכה, וואס וועל איך דארט טוען? איך בוי א סוכה ווייל די תורה זאגט אונז, "בסוכות תשבו שבעת ימים!"

שטארקע ווערטער... איך טו וואס איך טו, ווייל אזוי טוט יעדער ארום מיר? אדער איך טו וואס איך טו, ווייל איך האב א תורה און איך גיי נאך וואס צדיקים זאגן מיר צו טון?

דאס האט מיר געמאכט נאכאמאל אויפהייבן די אויגן צום הימל און זאגן, "אשרינו מה טוב חלקינו." איך דאנק דיר אייבערשטער אז דו האסט געטון מיט מיר א מתנת חנם און מיר געגעבן די מתנה פון לעבן מיט א צדיק, מיט א דעת תורה וואס זאגט מיר וואס איז הייליג און וואס איז ריכטיג. איך בין נישט צעמישט. איך ווער נישט פארלוירן ווען רעכל און מעכל און שיינדל און קריינדל אדער בריינדל זאגן פעסטע, קראנטע און ריכטיגע סברות. איך הער אויס וואס צדיקים זאגן מיר און דאס טו איך מיט שמחה. איך שטעל מיין שטוב און מיינע יסודות אויף די ווערטער פון ערליכע אידן און נישט אויף די דעה פון א פרוי פון קימפעטארין היים.

...

פאלגנד איז א חלק פון א בריוו ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אונז די הייליגע ווערטער פון די זוהר הקדוש.

בנוגע אז א פרוי זאל זיך שערן די האר וכו'; פארוואס זאגסטו אז זיך אפשערן די האר איז א חומרא, בשעת וואס דער הייליגער זוהר שעלט - פשוט כמשמעו מיט א קללה - א פרוי וואס גייט מיט די אייגענע האר און מען זעט דאס ארויס?! דער זוהר זאגט אז אין דעם שטוב וועט הערשן עניות און דחקות, פון דעם שטוב וועט שוין קיין גוטע קינדער נישט ארויסקומען, אין דעם שטוב וועט נישט זיין קיין ברכה וכו' וכו' קוק דעם לשון וואס דער זוהר הקדוש זאגט (נשא קכ"ה ע"ב): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' א קללה זאל קומען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אויף דעם מענטש, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וואס לאזט זיין ווייב, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אזוי אויך איז זי גורם אז דער ס"מ און די נישט גוטע זאלן זיך געפונען אין איר שטוב. 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן: "מען וואלט געקענט איינשפארן אסאך צרות און יסורים וועגן דאס ביסל האר, אבער וואס זאל מען טון אז מענטשן זענען ענדערש גרייט צו ליידן ווי זיך אפשערן"; עס זענען דא וואס זאגן אז ענדערש זאל מען גיין מיט א טיכל און מיט די אייגענע האר ווי צו גיין מיט א שייטל, אבער אלע צדיקים פונעם פריערדיגן דור האבן געזאגט: "ענדערש גיין א שייטל און זיך אפשערן, ווי איידער גיין מיט צען טיכלעך און גיין מיט די אייגענע האר".

פרעג זיך נאך ביי די אידן פונעם פריערדיגן דור וואס געדענקען נאך די בכיות וואס דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו פלעגט וויינען און זיך בעטן ביי די פרויען בשעת די 'כל נדרי דרשה' אז מען זאל אכטונג געבן אויף צניעות, בפרט אז די פרויען זאלן אכטונג געבן נישט איבער צו לאזן איר אייגענע האר.

וואויל איז פאר די פרוי וואס פירט זיך בצניעות און זי שערט זיך אפ די האר וכו' וואס דאס איז א יסוד היסודות אין אידישקיט און אין צניעות פאר א פרוי.

...

דער אייבערשטער זאל אונז געבן די זכי' צו קענען שטעלן אונזערע שטיבער אויף די ווערטער פון צדיקים און זיך נישט רירן דערפון, נישט קיין חילוק וואס "יעדער" זאגט, טוט און האלט. און מיר זאלן זוכה זיין צו זען אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער גיין אין די הייליגע וועגן און אנהאלטן אונזער טייערע און הייליגע מסורה.

רבי נתן (??) האט אמאל געזאגט, "די וועלט איז משוגע און איך אויך. אבער איך האב געקענט א קלארן." יא, די וועלט רוישט, די ווינטן בלאזן גאר שטארק. צומאל דאכט זיך אז מיר זענען אינמיטן א "האריקעין". אבער אז מיר גייען נאך צדיקים זענען מיר "סעיף", פארזיכערט, ווייל "פאלגן א צדיק, נאכגיין א צדיק, אוי ווי זיס ווען מען קוקט צוריק!!"

# Potato Dreidels

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 4 IDAHO POTATOES
- OIL FOR FRYING
- SALT
- BLACK PEPPER




## DIRECTIONS:

(PICTURE 1) PEEL POTATOES.

(PICTURE 2) CUT EACH POTATO IN HALF- LENGTHWISE.THEN CUT EACH HALF INTO 1/4 INCH SLICES.

(PICTURE 3) CUT OFF AN L SHAPED PIECE ON THE TOP RIGHT SIDE OF EACH POTATO SLICE, THEN REPEAT ON THE LEFT SIDE TOWARD THE OPPOSITE DIRECTION (A BACKWARD L)

(PICTURE 4) CUT OFF A THIN SLANTED PIECE ON EACH SIDE OF THE BOTTOM TO FINISH THE DREIDEL SHAPE.

FRY OR BAKE ON A LINED COOKIE SHEET ON 425° FOR 45 MINUTES.

ENJOY, A FREILICHEN CHANUKAH!



# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

וזוגתו תחי'

### צו די חתונה פון זייער זון למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

וזוגתו תחי'

### צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה יצחק אפעלבוים הי"ו

וזוגתו תחי'

### צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה שמואל לייב פעלבערבוים הי"ו

וזוגתו תחי'

### צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# קלאסיפיידס

## *KB Realty*

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347-731-3144**

מיר סערווירן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי





dominogrp.com

loop PLUMBING

Keep life flowing

917. 202. 1206

טאטי איז אין אפיס

646. 938. 2503

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

dominogrp.com

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

קינדער בלעטל



# ברענט לעכטעלעך ברענט

גראנדיעזער **חנוכה פארמעסט** קומענדיגע וואך בעזר השם

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט פאר ר' בערל פון מעדוועדיווקע: "דיין חצות וועט זיין דריי אזייגער"

## ברסלב'ע חידות

**די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק ליגט אין זיינע הייליגע**

א. תלמידים
ב. לימודים
ג. דיבורים
ד. ספרים

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט: "די פנים שכל און נשמה פונעם צדיק ליגט אין זיינע הייליגע ספרים"

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט א קאפ מיט פיר פנים'ער, און נישט קיין הענט און פיס?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק שני

**ד. עַל יְדֵי אֱמוּנָה נִתְבַּטְּלִין הַגְּזֵרוֹת שֶׁאֻמּוֹת גּוֹזְרִין עָלֵינוּ.**

דוּרְכְ'ן הָאבְּן אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן בָּטֵל דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת וָואס דִי גוֹיִם זֶענֶען גוֹזֵר אוֹיף אוּנְז.



# שרייב טישל

# והיו עיניך רואות את מוריך

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן
צו זען א בילד פון **הגה"צ ר' מאיר שטערן זצ"ל, אב"ד מירון**



בילד פון פאַרגאַנגענע וואָך: **דער הייליגער ריי"ץ מ'ליובאוויטש זצ"ל**



# מענטשערליך

## דֶער אִיעֶגְל אִין פַּאלַאץ

וועלכֶע מַעֲשֶׂה זָאלְן מִיר מַאכְן?״ הָאט חַיִּים גֶענוּמֶען דָאס וָוארְט, הַאלְטְנְדִיג אַ פְּלֶעסְטִיק גְלֶעזְל, פַּאר אַ מַייק.

״אֶפְשָׁר אַ חֲנוּכָּה שְׁפִּיל?״ הָאט סֶנְדֶר גֶעטְרַאכְט הוֹיעֶךְ, ״דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין שְׁרֶעקֶעדִיג אוּן לַאכֶעדִיג״. יוֹסִי הָאט גֶעוִויזְן אַ שְׁטְרֶענְגֶע פָּנִים אוּן גֶעזָאגְט ״מַאךְ פְּלַאץ!״ דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעדְרֵייט וִוי אַ רֶעדְל בִּיז דִי אַנְדֶערֶע עֶק קְלַאס.

״וואוּ אִיז אֶפְרַיִם?״ הָאט סֶנְדֶר גֶעפְרֶעגְט, ״עֶר הָאט אֵייבִּיג גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען״?

״אֶפְרַיִם! אֶפְרַיִם! הָאט חַיִּים אוֹיסְגֶערוּפְן אִין זַיין מַייק.

״עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים דַאוֶוענֶען הַיינְט צוּפְרִי״, הָאט זִיךְ שָׁלוֹם דֶערְמַאנְט.

״אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען אָנְקוּמֶען שְׁפֶּעט״, הָאט יוֹסִי גֶעזָאגְט פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קְלַאס.

אֶפְרַיִם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים וִוינְקְל פוּן דִי כִּתָּה גֶעבּוֹיגְן אִיבֶּער זַיין סִידוּר, עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה. עֶר הָאט יֶעצְט אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע זִיצוּנְג מִיט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶר דַאנְקְט אִים, טוּט תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער, וְוִי אַזוֹי קֶען עֶר יֶעצְט שְׁמוּעֶסְן אָדֶער וִוינְקֶען צוּ אַ חַבֶר?!

אֶפְרַיִם הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען, גֶעקוּשְׁט זַיין סִידוּר אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים.

״וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען, אֶפְרַיִם?״ הָאט יוֹסִי גֶעפְרֶעגְט מִיט נַייגֶער.

״אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה״, הָאט אֶפְרַיִם גֶעעֶנְטְפֶערְט.

״שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה״, הָאט סֶנְדֶר גֶעפְרֶעגְט פַארְטְרַאכְט.

״שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה!״ הָאט חַיִּים אוֹיסְגֶערוּפְן אִיבֶּערַאשְׁט.

דַאן הָאבְּן שוֹין אַלֶע קִינְדֶער גֶעכַאפְּט דֶעם רֶמֶז.

״אַ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שְׁפִּיל אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה וָואס אוּנְזֶער מְלַמֵּד הָאט נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט!״ הָאבְּן זֵיי אַלֶע פְרֵיילֶעךְ אוֹיסְגֶערוּפְן.

״אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אֶפְרַיִם הָאט גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען״, הָאט יוֹסִי גֶעזָאגְט אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעקוֹילֶערְט צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים.

***

״הַיינְט אִיז אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע וֶועטֶער״, הָאט דֶער שַׂר גֶעזָאגְט, שְׁפַּאצִירְנְדִיג אִין וַואלְד.

פוּנְדֶערְוַוייטְנְס הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אַ אִיד שְׁטֵייט נֶעבְּן אַ בּוֹים.

״אַ גוּטְן״, הָאט דֶער שַׂר אִים בַּאגְרִיסְט, אָבֶער דֶער אִיד הָאט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוּם גֶעדְרֵייט.



בילדער: ח. מ. אפעלדארפער



"אַ גוּטְן!" הָאט דֶער שַׂר פְּרָאבִּירְט אַבִּיסְל הֶעכֶער, דֶער אִיד הָאט גָארנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאר וַוייטֶער גֶעדַאוְונְט.

"אַ חוּצְפָּה!" עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן מִיר! אִיךְ וֶועל אִים שׁוֹין וַוייזְן וָואס גֶעשֶׁעט מִיט אֵיינֶעם וָואס גִיבְּט מִיר נִישְׁט קֵיין כָּבוֹד!" דֶער שַׂר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי הַאלְטֶער פוּן זַיין שְׁוֶוערְד אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אִיד אוּן גֶעוַוארְט בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

"פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט צוּרִיק בַּאגְרִיסְט?" הָאט דֶער שַׂר גֶעשְׁרִיגְן. עֶס שְׁטֵייט אִין עֶנְקֶער תּוֹרָה וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשׁוֹתֵיכֶם - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הִיטְן אוֹיף זַיין לֶעבְּן. אִיךְ קֶען דִיר הַרְגֶענֶען אוּן קֵיינֶער וֶועט מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן.

דֶער שַׂר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין שְׁוֶוערְד פוּן זַיין הַאלְטֶער אוּן צוּגֶעטְרֶעטְן נֶענְטֶער צוּם אִיד.

חָשׁוּבֶער שַׂר", הָאט דֶער אִיד גֶעבֶּעטְן.

שְׁטְרָאף מִיר נָאכְנִישְׁט! בִּיטֶע, גֶעבּ מִיר אַ גֶעלֶעגֶנְהַייט זִיךְ צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן".

"נוּ, נוּ ..." הָאט דֶער שַׂר גֶעזָאגְט אוּמְגֶעדוּלְדִיג.

שְׁטֶעל זִיךְ פַאר אַז דֶער קֶענִיג רוּפְט דִיר צוּ זַיין פַּאלַאץ. דוּ שְׁטֵייסְט פַארְן קֶענִיג מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק אוּן כָּבוֹד, וֶוען פְּלוּצְלוּנְג הֶערְסְטוּ דֶער בַּאקַאנְטֶער קוֹל פוּן דַיין אַלְטְן חַבֶר.

"אַ גוּטְן, מַיין טֵייעֶרֶער שַׂר", בַּאגְרִיסְט עֶר דִיר.

"וָואלְסְט אִים צוּרִיק בַּאגְרִיסְט?" הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט דֶעם שַׂר.

"זִיכֶער נִישְׁט!" הָאט דֶער שַׂר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דֶער קֶענִיג וָואלְט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן מַיין קָאפּ!"

אוֹיף דִי עֶנְטְפֶער הָאט דֶער אִיד גֶעוַוארְט חָשׁוּבֶער שַׂר", הָאט דֶער אִיד מַסְבִּיר גֶעוֶוען, "אוֹיבּ פַארְשְׁטֵייסְטוּ אַז וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ קֶענִיג פוּן בְּלוּט אוּן פְלֵייש, וָואס הַיינְט אִיז עֶר דָא אוּן מָארְגְן אִיז עֶר אִין קֵבֶר, רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, דַאן הָאבּ אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעמֶעגְט צוּרִיק בַּאגְרִיסְן דֶער חָשׁוּבֶער שַׂר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער קֶענִיג אִיבֶּער אַלֶע קֶענִיגְן וָואס לֶעבְּט אוֹיף אֵייבִּיג!

דֶער שַׂר הָאט זִיךְ גְלַייךְ בַּארוּהִיגְט.

"יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין, הָאסְט גֶעטוּעֶן וָואס אִיז רִיכְטִיג, "דֶער שַׂר הָאט צוּרִיקְגֶעלֵייגְט דִי שְׁוֶוערְד אוּן אַוֶועק שְׁפַּאצִירְט.

דֶער אִיד הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס. "יִישַׁר כֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְן אַרֵיינְלֵייגְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער אִין מַיין מוֹיל אוּן מִיר רַאטֶעוֶועון פוּן דֶער אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער שַׂר.

***

דִי פִירְהַאנְג הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט נָאךְ דִי לֶעצְטֶע סְצֶענֶע פוּן דִי גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שְׁפִּיל.

אֶפְרַיִם הָאט גֶעהָאלְפְן צוּרִיק לֵייגְן אַלֶע טִישְׁן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ. דִי שְׁפִּיל וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִויכְטִיג אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק אִיז שׁוֹין יֶעצְט פַארְבֵּיי, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ.

עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, עֶר גֵייט יֶעצְט דַאוֶונֶען מִנְחָה פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.



# קליין און פיין


נפתלי און מאטי העסקעל


אברמי יאקאבאוויטש


משפחת יאקאבאוויטש


שלמה יאקאבאוויטש- מזבח


פייגי שטראססער - רבקה געבט טרינקען פאר די אייזלען


אברמי יאקאבאוויטש


גאלדי שרה וגיטי שניצלער


שרה פריינד


אסתר מינדל ניימאן


פראדי טייטלבוים


הינדי יאקאבאוויטש


אדי כץ


חי' אסתר יאקאבאוויטש

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


אשר הערצאג


משפחת פריינד


חי' לאנדא


שיינדי און שרי אינדיג


שלמה יאקאבאוויטש


קילא ווייס


בתי' באלאבאן


שיינדי שווארטץ


אשר וועבערמאן





ש. טראכטער

אכט קליינע
מעשיות'לעך פאר
די אכט חנוכה
לעכטעלעך

1

ווען דער הייליגער שינאווער רב איז געווען א קינד פון זיבן יאר אלט איז ער אמאל געווארן איבערגעטרעטן דורך א פערד ל״ע. ער איז אזוי געליגן פאר׳חלש׳ט שעות לאנג, צוליב דעם וואס קיינער האט אים נישט באמערקט. ווען ער האט זיך דעוועקט האט מען געזען אז ער איז אין א גרויסע סכנה. זיין טאטע האט דאן שנעל געשיקט א שליח צום הייליגן ראפשיצער רב זי״ע בעטן א ישועה פאר אים.

דער ראפשיצער רב האט צוריקגעשיקט שמן זית פון די חנוכה ליכט און געהייסן אז מען זאל אנשמירן דאס קינד דערמיט. מען האט אזוי געטוען און דאס קינד איז געווארן אויסגעהיילט.

יארן שפעטער האט דער שינאווער רב דערציילט אז ער געדענקט נאך אז ווי נאר מען האט געשמירט די אויל האט ער געשפירט ווי זיינע ביינער גראדן זיך אויס!

2

ר׳ זלמן בינער האט פארציילט אז ווען ער האט געוואוינט אין אנטווערפן איז ער געווען מנהל אין די ארטיגע סאטמארע חדר. איין אינדערפרי האט ער זיך אויפגעוועקט מיט געפערליכע יסורים אין זיינע פיס און ער האט נישט געקענט גיין אין חדר. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון, די קינדערלעךווארטן אויף אים, אבער ער קען נישט אזוי גיין אין חדר מיט אזעלכע יסורים, איז ער אריין צו רבי איציקל פון פשעווארסק זצ״ל און געפרעגט וואס צו טוען.

האט רבי איציקל ארויסגענומען פון שאנק א קליין באטעלע אויל וואס איז איבערגעבליבן פון חנוכה, און דער רבי האט אים אנגעשמירט די פיס. אויפן ארט האט זיך ר׳ זלמן אויפגעשטעלט און זיינע יסורים זענען פארשוואונדן!

3

דער בעל חידושי הרי״ם זצ״ל, האט דאס לעצטע יאר פאר ער איז נפטר געווארן ארייגערופן אלע אייניקלעך און זיי געטיילט חנוכה געלט. איין אייניקל ר׳ יהודה לייב, דער בעל שפת אמת, האט נאכנישט געהאט קיין קינדער און איז דעריבער נישט געקומען נעמען חנוכה געלט.

האט אים זיין הייליגע זיידע געלאזט רופן און געזאגט: ״דו דארפסט דאך געהאלפן ווערן מיט קינדער. נו, וועל איך דיר אנשטאט חנוכה געלט געבן א בן זכר!״

און דער ברכה איז טאקע מקיום געווארן און דאס קינד איז אויפגעוואקסן דער רבי פון גור זי״ע.

4

ר׳ צבי אלימלך דינוב׳ער איז געווען א חסיד פונעם הייליגן חוזה זי״ע. איין יאר ווען ער איז געפארן צום רבי״ן אויף חנוכה האט ער געטראכט אז ער וועט פרעגן זיין רבי״ן - וועלכע איז באקאנט געווען מיט זיינע הייליגע אויגן - פון וועלכע שבט ער שטאמט. נאך א זאך האט ער געוואלט וויסן איז פארוואס ער שפירט אזא דערהויבנקייט, קדושה און שמחה אינעם יום טוב חנוכה, מער ווי אנדערע ערליכע אידן.

ווי נאר ער איז אנגעקומען צום רבי״ן, נאך איידער ער האט עפעס געפרעגט האט זיך דער הייליגער חוזה אנגערופן: ״דו שטאמסט פון שבט יששכר. און דאס וואס דו שפירסט אזא דערהויבנקייט חנוכה איז צוליב דעם וואס אין די צייטן פון די חשמונאים ביסטו געווען פון די בית דין וואס האט מתקן געווען אלע ענינים פון חנוכה, ווי הלל, צינדן חנוכה ליכט מיט אלע אירע הלכות.

# 5

ר׳ פתחיה, א חסיד פון ר׳ שלום בער פון ליובאוויטש זי״ע, איז געווען א האלץ האקער. ער פלעגט דינגען גוים צו האקן די ביימער פון וואלד און דערנאך פלעגט ער עס פארקויפן און אזוי מאכן געלט. ער פלעגט פארברענגען פיל טעג אין וואלד און דעריבער האט ער זיך געבויעט א הייזקעלע אין וואלד וואו ער פלעגט שלאפן. אזוי פלעגט ער דארט זיין א שטיק צייט און דערנאך אהיים קומען.

איינמאל פאר ער איז צוריק געפארן אין וואלד, איז ער געגאנגען נעמען א ברכה פון זיין רבי. האט זיין רבי אים געזאגט, ״אזוויוי עס קומט באלד חנוכה, נעם מיט מיט דיר ליכט און א מנורה צו צינדן, ווייל מען קען נישט וויסן, אפשר וועסטו זיין אין וואלד חנוכה.״ ר׳ פתחיה האט נישט געהאט אין פלאן צו זיין אין וואלד חנוכה, אבער אז דער רבי האט געהייסן האט ער אוודאי געפאלגט און מיטגענומען די זאכן מיט זיך.

איין טאג פאר חנוכה האט ר׳ פתחיה זיך צוזאמגעפאקט און זיך געגרייט אהיימצופארן. אבער ווי נאר ער איז ארויסגעקומען פון הויז זעט ער ווי א גרופע רויבערס ווארטן אים אפ. זיי האבן אים בא׳גנב׳ט דאס גאנצע געלט. אבער זיי זענען נישט געווען צופרידן און אים געזאגט אז זיי גייען אים ר״ל הרג׳ענען. ר׳ פתחיה האט זיך מיט טרערן איינגעבעטן ביי זיי, אבער זיי זענען דאך געווען רשעים און רויבערס, און זיי האבן געלאכט פון אים.

״איך בעט אייך איין לעצטע וואונטש״ האט ר׳ פתחיה געוויינט צו זיי, ״היינט איז חנוכה. לאזט מיר דאווענען מעריב און צינדן ליכט״.

די רויבערס האבן צו דעם מסכים געווען. ר׳ פתחיה האט געדאווענט מעריב מיט גרויס געוויין, וואוסנדיג אז דאס איז זיין לעצטע תפילה אין זיין לעבן. דערנאך האט ער געצינדן חנוכה ליכט מיט גרויס התלהבות, טראכטנדיג אז דאס איז זיין לעצטע מצוה אויף די וועלט.

פונקט אין יענע צייט, איז דער פריץ פון שטאט אדורכגעפארן אין וואלד. זעענדיג ווי עס ברענט א ליכט אין וואלד, האט ער געהייסן זיינע באדינערס אהינפארן. אריינקומענדיג אין שטוב, האט ער שוין אלעס פארשטאנען. ער האט געזען ווי די רויבער שטייען מיט שווערדן און ר׳ פתחיה וויינט מיט טרערן. ער האט גלייך געהייסן זיינע באדינער בינדן די רויבערס און קייטן און ר׳ פתחיה האט ער אהיימגעפירט צו זיין הויז. ר׳ פתחיה האט אויפ׳ן וועג פארציילט פאר׳ן פריץ אז זיין רבי׳ האט אים געהייסן מיטנעמען די חנוכה ליכט און דאס האט אים געראטעוועט. דער פריץ האט באוואונדערט די אפענע רוח הקודש פון צדיק און עס איז ארויסגעקומען א גרויסע קידוש השם.

# 6

דער ספר כתבי החסידים פארציילט אז אמאל איז געווען א איד ר׳ ישראל וואלף פאנעט ע״ה. ער האט פיל יארן זיך געמוטשעט מיט זיין געזונט, אבער די דאקטוירים האבן נישט געקענט צוטרעפן דעם פראבלעם.

איין יאר חנוכה איז ער געפארן צו הרה״ק רבי יהושע פון בעלז זי״ע. ווען ער איז אריינגעקומען האט אים דער רבי געפרעגט, ״ר׳ ישראל וואלף, וואס טוט זיך מיט אייער געזונט?״ האט ער געענטפערט, ״די דאקטוירים זאגן מיר אז אזוי יעצט איז ווינטער איז די וועטערס צו קאלט און נישט געזונט פאר מיר. זיי האבן מיר געראטן צו גיין אין די פלעצער ווי די וועטערס זענען יעצט אזוויוי אין מעי (MAY).״

האט זיך דער בעלזער רבי׳ אנגערופן, ״נו, די גמרא זאגט דאך מאי חנוכה. קען מען מאכן אז אין חנוכה זאלן די וועטערס זיין ווי אין מעי.״

דער איד פארציילט אז נאך יענע טאג איז געווען א מורא׳דיגע וואונדער, די וועטערס האבן זיך געטוישט פון ווינטער צו פרילינג און עס האט אנגעהאלטן אפאר טעג. זייט דעמאלטס האט ער מער נישט געשפירט קיין יסורים.

7

ר׳ איציק׳ל מפשעווארסק זי״ע האט געהאט א שכן וועמען׳ס זון איז ליידער געווען נישט געזונט. די דאקטוירים האבן שוין נישט געגעבן קיין האפענונג אויף אים.

איין טאג קומט דער טאטע פונעם חולה אריין צום רבי״ן און זאגט אים, ״רבי, די דאקטוירים זאגן אז ביז א שעה וועט ער ח״ו נפטר ווערן.״

ווען ר׳ איציקל האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, ״מיר לערנען אין פרשת דברים אז א דאקטער האט נישט קיין רשות צו זאגן ווען א מענטש וועט נפטר ווערן.״ דערנאך איז ער אריין אין שטוב פון חולה און ארויסגעשיקט אלע מענטשן. ער האט דארט פארברענגט מיט׳ן חולה און דערנאך איז ער ארויסגעקומען און געזאגט, ״ער שפירט זיך בעסער. ער וועט נישט נפטר ווערן.״ אזוי איז טאקע געווען.

נאך א שטיק צייט ווען דער חולה האט זיך שוין געשפירט בעסער איז ער געקומען צום רבי״ן זיך באדאנקען. ״דו געדענקסט וואס איך האב געטוען מיט דיר?״ האט אים ר׳ איציק׳ל געפרעגט. דער חולה האט זיך אבער נישט געקענט דערמאנען. האט אים ר׳ איציק׳ל געזאגט, ״איך האב אנגעשמירט די איבערגעבליבענע אויל פון חנוכה ביי דיינע אויגן, און אט די מצוה אויל האט געברענגט א רפואה.״

# אלעס פועל׳ן

8

## און די אכטע מעשה איז דיקן מעשה. ביי די הייליגע חנוכה ליכט קען מען

מיר ווארטן צו הערן דיקן אכטע מעשה

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



שבע ברכות פאר החתן שלום אלי' הי"ו בן מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו - ב' וישלח

קרעדיט: אייזיק ראטה



סעודת הודאה צוזאמען מיטן בת עין'ס יארצייט צוגעשטעלט דורך מו"ה דוד לאקס הי"ו אין ביהמד אין שטעטל - ג' וישלח

קרעדיט: אייזיק ראטה





שבת התוועדות מיט אינגעלייט וואס העלפן די ישיבה - מוצש"ק ויצא

קרעדיט: יוסי פרערויא





**ערשטע שניי אין שטעטל - ג׳ וישלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**אויסגעמאלט א מנורה אין די שניי דורך די קינדער נאכן לערנען אין כולל בוקר - ד׳ וישלח**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**יארצייט סעודה פונעם הייליגער בת עין זצ״ל אין ישיבה צוגעשטעלט דורך מו״ה פייוועל ראזענוואסער הי״ו - ג׳ וישלח**

קרעדיט: מאטי ראזענפעלד





**מסיבה פארן בית התבשיל אין שטוב פון מו״ה יוסף דוב כהן הי״ו אין קרית יואל - ד׳ וישלח**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



דאנערשטאג נאכט שיעור אין ישיבה - ה' וישלח
קרעדיט: שמוליק בלעדי



אפשערן פון הילד אליעזר שלמה ני"ו בן מו"ה אשר לעווי הי"ו אין ישיבה - א' וישב
קרעדיט: אשר לעווי





אבות ובנים אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - מוצש"ק וישלח
קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





קבלת פנים און חופה פון החתן ישעי הי"ו בן הרב אברהם משה שטראססער שליט"א עב"ג מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו אין ישיבה - א' וישב
קרעדיט: קלמן וועבערמאן



















**פרייליכע חתונה פון החתן ישעי הי"ו בן הרב אברהם משה שטראססער שליט"א עב"ג מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו אין ישיבה - א' ווישב**

קרעדיט: ישראל העסקעל, שלמה האממער, יוסי פררויא

בסייעתא דשמיא

וזאת התורה לא תהא מוחלפת

# קרן הצלה

למען מוסדותנו בארה"ק על טהרת הקודש

בשם אלע תלמידי און תלמידות מוסדות היכל
הקודש בארץ הקודש על טהרת הקודש וואונטשן
מיר א הערצילכן ברכת

## מזל טוב

פאר אונזער געטרייער ידיד, ה"ה

## הרב אהרן וויעבערמאן שליט"א

שד"ר מוסדותינו הקדושים
ולנות ביתו החשובה שתחי'

לרגל שמחת נישואי בתו תחי' עב"ג

החתן **ישעי' הכהן שטראססער** הי"ו
זון פון הרב **אברהם משה שטראססער** שליט"א
בשעה טובה ומוצלחת

**הוא הגבר**

וואס האט אראפגענומען די שווערע יאך פונעם ראש ישיבה שליט"א און זיך
אוועקגעשטעלט אין פראנט במסירות נפש ממש, גענומען אויף זיך די גאנצע
על הכלכלה פון די הייליגע מוסדות אין ארץ הקודש על טהרת הקודש

**הוא הגבר**

וואס שטייט און הארעוועט טאג און נאכט ביודעין ובלא יודעין שלא על
מנת לקבל פרס, און טוט אלעס כדי די הייליגע מוסדות בארץ הקודש על
טהרת הקודש זאלן ווייטער קענען אנגיין ביתר שאת ועוז
דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל ווייטער מצליח זיין מיט די הייליגע
מעשים, און קענען ווייטער אונטערהאלטן די הייליגע מוסדות בארץ
הקודש על טהרת הקודש
דער אייבערשטער זאל אים באגליקן מיט נחת לרוב פון אלע קינדער און
אייניקלעך, געזונטערהייט מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

וואונטשן

**הנהלת המוסדות**

תלמידי תלמודי תורה היכל הקודש ירושלים, בני ברק, טבריה
תלמידות בית פיגא ירושלים, טבריה
תלמידי ישיבת היכל הקודש ירושלים

י"ז שבט

יומא דהילולא קדישא של מוהרא"ש זי"ע

# הכונו

*sruliHeskel